STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01530

PROGRAM UN STATUTN FUN KOMUNISTISHN INTERNATSYONAL

Communist International

Permanent preservation of this book was made possible
by William Gross
in honor of Howard Usher,
dear friend of Ruth & Fred Gross

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָגראַם
און
סטאַטוטן
פון
קאָמוניסטישן
אינטערנאַציאָנאַל

פּראָגראַם און סטאַטוטן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

אָנגענומען אויפן זעקסטן קאָנגרעס

דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1928, אין מאָסקווע

אַרויסגעגעבן פון
דער אידישער סעקציע, קאָמוניסטישע פּאַרטיי
פון די פּאַראייניקטע שטאַטן,
סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל
ניו יאָרק, נ. י.
1929

אינהאַלט

זייט

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — VII

I — די וועלט־סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם, איר אַנטוויקלונג און איר אומפאַרמיידלאַכער טויט.

1. די אַלגעמיינע געזעצן פון דער באַוועגונג פון קאַפּיטאַליזם און די עפּאָכע פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל — — — — — — — — — 13

2. עפּאָכע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל (אימפּעריאַליזם) — — — — — 16

3. די קרעפטן פונ'ם אימפּעריאַליזם און די קרעפטן פון דער רע־וואָלוציע — — — — — — — — — — — — — — — — 19

4. אימפּעריאַליזם און דאָס פאַלן פון קאַפּיטאַליזם — — — — — 23

II—דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און די ערשטע פאַזע פון דער וועלט רעוואָלוציע.

1. דער וועלט־קריג און דער גאַנג פונ'ם רעוואָלוציאָנערן קריזיס 26

2. דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס און די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — — — — — — — — — — — — 29

3. דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם — — — — — — 32

4. ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע און די אומפאַרמיידלאַכקייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן דורכפאַל פון קאַפּיטאַליזם — — — — — — — — — — — — — — 34

III—דער ענד־ציל פונ'ם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל— וועלט־קאָמוניזם. 40

IV—דער איבערגאַנג־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם און די דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט.

1. דער איבערגאַנג־פּעריאָד און די עראָבערונג פון מאַכט דורכ'ן פּראָלעטאַריאַט — — — — — — — — — — — — — — 45

2. דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און איר סאָוועטישע פאָרמע — 49

3. דיקטאַטור פונ'ם פּראָלעטאַריאַט און די עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרס — — — — — — — — — — — — 53

זייט

א) אינדוסטריע, טראנספּאָרט, פאַרבינדונגס־מיטלען — — 53

ב) לאַנדווירטשאַפט — — — — — — — — — — — — 54

ג) האַנדל און קרעדיט — — — — — — — — — — — 56

ד) אַרבעט־שוץ, לעבנס־שטייגער און אז. וו. — — — — 57

ה) וואוינונגס־פאָנד — — — — — — — — — — — — 58

ו) נאַציאָנאַלע און קאָלאָניאַלע פראַגע — — — — — — — 58

ז) מיטל פון אידעאָלאָגישן איינפלוס — — — — — — — 59

4. יסודות פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — — — — — — — — — — — — — — — 60

5. דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און די קלאַסן — — — — — — 64

6. מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אין סיסטעם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור 67

7. דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און קולטורעלע רעוואָלוציע — 70

8. קאַמף פאַר דער וועלט־דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און די גרונט־טיפּן פון רעוואָלוציעס — — — — — — — — — — 73

V—דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט אינ׳ם פּ. ס. ס. ר. און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

1. דער אויפבוי פון סאָציאַליזם אינ׳ם פּ. פּ. ס. ר. און דער קלאַסן־קאַמף — — — — — — — — — — — — — — — — — 81

2. די באַדייטונג פונ׳ם פּ. ס. ס. ר. און זיינע אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פליכטן — — — — — — — — — — — — — 86

3. פליכטן פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט בנוגע דעם פּ. ס. ס. ר. — — — — — — — — — — — — — — — 89

VI—סטראַטעגיע און טאַקטיק פונ׳ם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט.

1. אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען פיינטלאך צום קאָמוניזם, אינ׳ם אַרבעטער קלאַס — — — — — — — — — — — — — — 91

2. די גרונט־אויפגאַבן פון קאָמוניסטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק — — — — — — — — — — — — — — — — — 104

קאָנסטיטוציע און סטאַטוטן פונ׳ם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל 116

אַרייַנפיר

די עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם איז די עפּאָכע פונם שטאַרבנדיקן קאַפּיטאַליזם. דער וועלט־קריג פון 1914—1918 און דער קריזיס פונם קאַפּיטאַליזם, וועלכן ער האָט פאַנאַנדערגעבונדן, זייענדיק דער אוממיטלבאַרער רעזולטאַט פון אַ שאַרפן געגנזאַץ צווישן דעם וואוקס פון פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער וועלט־ווירטשאַפט און אירע שטאַטלאַכע מחיצות, האָבן געוויזן און באַוויזן, אַז אינוויייניק אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען שוין צייטיק געוואָרן די מאַטעריעלע פאָרבאַדינגונגען פון סאָציאַליזם, אַז די קאַפּיטאַליסטישע הילע פון דער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַן אומדערטרעגלאַכע קייט וואָס פאַרהאַלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער געזעללשאַפט, אַז די געשיכטע שטעלט אַוועק אויפן טאָג־אָרדנונג די אויפגאַבע פון אַ רעוואָלוציאָנערן אַראָפּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

דעם אימפּעריאַליזם וואַרפט אונטער אונטער דער דיקטאַטור פון דער פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישער פּלוטאָקראַטיע ריזיקע מאַסן פון פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, אָנגעהויבן פון צענטרען פון קאַפּיטאַליסטישער מאַכט און געענדיקט מיט די ווייטסטע ווינקעלאַך פון דער קאָלאָניאַלער וועלט. דער אימפּעריאַליזם דעקט אויף און פאַרטיפט מיט עלעמענטאַרער קראַפט אַלע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ער דערפירט די קלאַסןאונטערדריקונג ביז דער לעצטער גרענעץ; ער פאַרשאַרפט ביז אַן אויסערגעוויינלאַכער אינטענסיווקייט דעם קאַמף צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות; ער רופט אַרויס די אומפאַרמיידלאַכקייט פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות פון אַ וועלט־פאַרנעם, וועלכע רערשיטערן דאָס גאַנצע סיסטעם פון די הערשנדיקע באַציאונגען,

און ער פירט מיט אייזערנער נויטווענדיקייט *צו דער אל־וועלטלאכער רעוואלוציע פונם פראלעטאריאט.*

פארבינדנדיק די גאנצע וועלט דורך די קייטן פון פינאנץ־קאפיטאל, צווינגענדיק דורך בלוט, אייזן און הונגער די פראלעטאריער פון אלע לענדער, פעלקער און ראסן צו שטעלן זיך אונטער זיין יאך; ריזיק פארשארפנדיק די עקספלואטאציע, די אונטערדריקונג און פארשקלאפונג פון דעם פראלעטאריאט און ארויסרוקנדיק פאר אים די אוממיטלבארע אויפגאבע פון ערָאבערן די מאכט, באשאפט דער אימפעריאליזם די נויטווענדיקייט פון א זייער ענגען צוזאמענשליסן פון די ארבעטער אין איין אינטערנאציאנאלער ארמיי פון פראלעטאריער פון אלע לענדער, אומאפהענגיק פון מלוכה־גרענעצן, נאציאנאלע, קולטורעלע, שפראכלאכע אדער ראסן־אונטערשיידן, געשלעכט אדער פראפעסיע. דער אימפעריאליזם, אנטוויקלענדיק און פארענדיקנדיק דעם פראצעס פון באשאפן מאטעריעלע פארבינדונגען פארן סאציאליזם, פארבינדט אויף אזא אופן אין דער זעלביקער צייט די ארמיי פון זיינע אייגענע קברנים, אוועקשטעלנדיק דעם פראלעטאריאט פאר דער נויטווענדיקייט זיך צו ארגאניזירן *אין א קעמפערישע אינטערנאציאנאלע אסאציאציע פון ארבעטער.*

פון דער אנדערער זייט שפאלט דער אימפעריאליזם אפ דעם פארמעגלאכסטן טייל פון דעם ארבעטער קלאס פון זיינע פונדאמענטאלע מאסן. אט די אונטערגעקויפטע און דעמאראליזירטע דורכן אימפעריאליזם אויבערשטע שיכט פון דעם ארבעטער קלאס, וועלכע בילדעט די פירנדיקע קאדרען פון די סאציאל־דעמאקראטישע פארטייען, וועלכע איז פאראינטערעסירט אין דעם אימפעריאליסטישן רויבן פון קאלאניעס, וועלכע איז איבערגעגעבן צו דער „אייגענער" בורזשואזיע און דער „אייגענער" אימפעריאליסטישער מלוכה, האט אין די אנטשיידנדיקע קלאסן־מלחמות זיך ארויסגעוויזן אויף דער זייט פונם קלאסן־פיינט פון דעם פראלעטאריאט. די שפאלטונג אין דער סאציאליסטישער באוועגונג אין 1914,

וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אָט דעם פאַרראַט, און די ווייטערדיקע פאַרראַטן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אין דער פּראַקטיק געוואָרן בורזשואַזע אַרבעטער־פּאַרטייען, האָבן באַוויזן, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַ־ריאַט קען אויספילן זיין היסטאָרישע שליחות — אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון אימפּעריאַליזם און דעראָבערן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור — נאָר אין אַן אומדערבאַרמדיקן קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די אָרגאַניזאַציע פון די קרעפטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע ווערט דעריבער מעגלאַך נאָר אויף דער פּלאַטפאָרמע פון קאָמוניזם. אַנטקעגן דעם אָפּאָרטוניס־טישן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכער איז געוואָרן אַן אימפּעריאַליסטישע אַגענטור אין די רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווערט אומפאַרמיידלאַך אויפגעשטעלט דער דריטער, קאָמוניסטישער אינטערנאַ־ציאָנאַל — אַן אַלוועלטליכע אָרגאַניזאַציע פון דעם אַר־בעטער־קלאַס, וועלכע פאַרקערפּערט אין זיך די אמת'ע איינהייט פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

דער קריג פון 1914—1918 האָט אַרויסגערופן די ערשטע פּראָבעס צו באַשאַפן אַ נייעם, רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַ געגנגעוויכט צום צווייטן, סאָציאַלשאָוויניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל און אַלס אַן אינסטרומענט פון ווידערשטאַנד קעגן דעם מיליטאַנטן אימפּעריאַליזם (צימערוואַלד, קינטאַל). די זיגרייכע רעוואָלוציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד האָט סטימולירט די בילדונג פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די צענטרען פון קאַפּיטאַליזם און אין די קאָלאָניעס. אין 1919 איז געגרינדעט געוואָרן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל אין דער וועלט־געשיכטע פאַראייניקט אויף דער אמת'ן, אין דער פּראַקטיק פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, די פאָרט־געשריטענע שיכטן פון דעם אייראָפּעאישן און אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט מיט די פּראָלעטאַריער פון כינע און אינדיע, מיט די שוואַרץ־הויטיקע האָרעפּאַשניקעס פון אַפריקע און אַמעריקע.

זייענדיק איינע און אַ צענטראַליזירטע אינטערנאַציאָנאַלע

פארטיי פונם פראָלעטאַריאַט, איז דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל דער איינציקער פאָרטזעצער פון די פרינציפּן פונם ע ר ש ט ן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל, וועלכע ווערן דורכגעפירט אויף אַ נייער באַזע, אַ מאַסן־באַזע פון רעוואָלוציאָנערער פראָלעטאַ־רישער באַוועגונג. די דערפאַרונג פון דער ערשטער אימפּעריאַ־ליסטישער מלחמה, פון דער נאָכדעמדיקער שטרעקע פון רעוואָלו־ציאָנערן קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, פון אַ ריי רעוואָלוציעס אין אייראָפּע און אין די קאָלאָניאַלע לענדער; די דערפאַרונג פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון בויען סאָציאַליזם אין דעם פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועט־רעפּובליקן; די דער־פאַרונג פון דער אַרבעט פון אַלע סעקציעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע איז פאַרפיקסירט אין די באַשלוסן פון זיינע קאָנגרעסן; ענדלאַך, די אַלץ גרעסערע און גרעסערע אינ־טערנאַציאָנאַליזאַציע פונם קאַמף צווישן דער אימפּעריאַליס־טישער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט; — דאָס אַלץ רופט אַרויס די נויטווענדיקייט פון אַ פּראָגראַם פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זאָל זיין איינע און אַ געמיינזאַמע פאַר אַלע סעקציעס. אויף אַזאַ אופן איז די פּראָגראַם פונם קאָמינטערן, זייענדיק די העכסטע קריטישע פאַראַלגעמיינערונג פון דער גאַנצער היסטאָרישער דערפאַרונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט, ד י פּ ר אָ ג ר אַ ם פ ו ן ק אַ מ ף פ אַ ר אַ ן אַ ל װ ע ל ט ל אַ כ ע ר פּ ר אָ ־ ל ע ט אַ ר י ש ע ר ד י ק ט אַ ט ו ר, אַ פּ ר אָ ג ר אַ ם פ ו ן ק אַ מ ף פ אַ ר װ ע ל ט ־ ק אָ מ ו נ י ז ם.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, פאַראייניקנדיק די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וועלכע פירן נאָך זיך די מיליאָניקע מאַסן פון אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע קעגן דער בורזשו־אַזיע און אירע „סאָציאַליסטישע" אַגענטן, קוקט אויף זיך ווי אויף דעם היסטאָרישן יורש פון דעם „קאָמוניסטן־בונד" און דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אומטיטלבאַרער פירערשאַפט פון מאַרקסן, און ווי אויף דעם יורש פון די בעסטע פאַר־מלחמה'דיקע טראַדיציעס פון דעם צווייטן

אינטערנאַציאָנאַל. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַוועקגעלייגט די אידייאישע יסודות פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר סאָציאַליזם. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, אין זיין בעסטער צייט, האָט געגרייט דעם באָדן פאַר אַ ברייטער און מאַסאָווער אויסשפּרייטונג פון דער ארבעטער־באַוועגונג. דער דריטער, קאָמוניסטישער, אינטערנאַציאָנאַל, פּאָרטזעצנדיק די אַרבעט פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און האָבנדיק אויפגענומען די פרוכט פון די אַרבעטן פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אַנטשיידן אָפּגעהאַקט דעם לעצטנס אָפּאָרטוניזם, זיין סאָציאַל־שאָוויניזם, זיין בורזשואַזע פאַרדאַרבונג פון סאָציאַליזם, און ער האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלאַכן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. דערמיט גופא זעצט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל פאָר די רומפולע העראָאישע טראַדיציעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג; פון די ענגלישע טשאַרטיסטן און די פראַנצויזישע אינסורגענטן פון 1831; פון די פראַנצויזישע און דייטשישע אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן פון דעם יאָר 1848; פון די אומשטערבלאַכע שטרייטער און מאַרטירער פון דער פאַריזער קאָמונע; פון די מוטיקע סאָלדאַטן פון דער דייטשישער, אונגאַרישער און פינישער רעוואָלוציעס; פון די אַרבעטער פון דער געוועזענער צאַרישער דעספּאָטיע, די זיגרייכע טרעגער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור; פון די כינעזישע פּראָלעטאַריער — די העלדן פון קאַנטאָן און שאַנכאַי.

געשטיצט אויף דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע קאָנטינענטן און אַלע פעלקער, שטייט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין זיין טעאָרעטישער און פּראַקטישער אַרבעט אינגאַנצן און אומבאַדינגט אויפן שטאַנדפּונקט פונם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, וועלכער האָט באַקומען זיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אינם לעניניזם, וואָס דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער מאַרקסיזם פון דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס.

פאַרטיידיקנדיק און פּראָפּאַגאַנדירנדיק דעם דיאַלעק־

טישן מאַטעריאַליזם פון מאַרקס־ענגלס, אָנווענדנדיק אים אַלס די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע פון דערקענען דיווירקלאַכקייט מיט דעם צוועק איבערצומאַכן די דאָזיקע ווירקלאַכקייט אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופן, פירט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַ מעכטיקן קאַמף קעגן אַלע סאָרטן פון בורזשואַזער וועלט־אַנשויאונג און קעגן אַלע סאָרטן פון טעאָרעטישן און פּראַקטישן אָפּאָרטוניזם. שטייענדיק אויפן באָדן פון אַן אויסגעהאַלטענעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אונטערוואַרפנדיק די צייטווייליקע, טיילווייזע, נאַציאָנאַלע און גרופּן־אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט אונטער זײַנע דויערהאַפטע, אַלגעמיינע, אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן, רײַסט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אומדערבאַרמדיק אַרונטער די מאַסקע פון דער לערע וועגן „קלאַסן־שלום” אין אַלע אירע פאָרמען, וואָס די רעפאָרמיסטן האָבן איבערגענומען ביי דער בורזשואַזיע. אויסדריקנדיק די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַריער, די קברנים פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל די איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע קראַפט, וועמעס פּראָגראַם איז די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט און קאָמוניזם און וועלכע טרעט אַרויס אָפן **אַלס דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט.**

I.

די וועלט־סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם, איר אַנט־וויקלונג און איר אומפאַרמיידלאַכער טויט

1. די אַלגעמיינע געזעצן פון דער באַוועגונג פון קאַפּי־טאַליזם און די עפּאָכע פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויפן באַזיס פון דער אַנטוויקלונג פון סחורה־פּראָדוקציע, איז כאַראַקטעריזירט דורך דער מאָנאָפּאָליע פון דעם קלאַס קאַפּיטאַ־ליסטן און גרויסע ערד־באַזיצער, איבער די וויכטיקסטע און אַנט־שיידנדיקע פּראָדוקציע־מיטלען; דורך דער עקספּלואַטאַציע פון דער לוין־אַרבעט פון דעם קלאַס פּראָלעטאַריער, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין פּראָדוקציע־מיטלען און זיינען געצוואונגען צו פאַרקויפן זייער אַרבעטס־קראַפט; דורך דער פּראָדוקציע פון סחורות מיטן צוועק צו באַקומען פּראָפיטן און דורך דער פּלאַנלאָזיקייט און אַנאַרכיע פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס אינגאַנצן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דעם אַלעם. די באַציאונג פון עקספּלואַטאַציע און די עקאָנאָמישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע געפינען זייער פּאָליטישן אויסדרוק אין דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע פונם קאַפּיטיל אלס דעם אַפּאַראַט פון אונטערדריקן דעם פּראָלעטאַריאַט.

די געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם באַשטעטיקט אינגאַנצן די לערע פון מאַרקסן וועגן די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט און וועגן די ווידערשפּרוכן פון אָט דער אַנטוויקלונג, וועלכע שלעפּן די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם צו איר אומפאַרמיידלאַכן טויט.

אין איר יאָגעניש נאָך פּראָפיטן איז די בורזשואַזיע געצוואונגען געווען צו אַנטוויקלען די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין אַלץ אַ גרעסערן מאַסשטאַב, צו פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־באַציאונגען. דערמיט גופא האָט די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם נאָכאַנאַנד רעפּראָדוצירט אויף אַ פאַרגרעסערטער באַזע אַלע אינווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קודם כל דעם אַנטשיידנדיקן ווידערשפּרוך צווישן דעם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון דער אַרבעט און דעם פּריוואַטן כאַראַקטער פון דעם באַזיץ, צווישן דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיווע כחות און די פאַרמעגן־באַציאונגען פון קאַפּיטאַליזם. די הערשאַפט פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, דער אַנאַרכיסטיש־עלעמענטאַרער גאַנג פון אַט דער פּראָדוקציע האָבן געפירט דערצו, אַז דאָס עקאָנאָמישע גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע איז געשטערט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט דער אַנטוויקלונג פון אַ ווידערשפּרוך צווישן דער טענדענץ צו אַן אומבאַגרענעצטן אויסברייטן פון דער פּראָדוקציע און דעם באַגרענעצטן פאַרברויך פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן (אַלגעמיינע איבערפּראָדוקציע) וואָס דאָס האָט געפירט צו פּעריאָדיש זיך ווידערהאָלנדיקע צערשטערערישע קריזיסן און צו אַ מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט. די הערשאַפט פון פּריוואַטע־אייגנטום האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אין קאָנקורענץ, סיי צווישן די איינצלנע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי אויף דעם וועלט־מאַרק, וועלכער איז כסדר געוואַקסן. אָט די לעצטע פאָרמע פון שטרייט צווישן די קאַפּיטאַליסטן האָט געפירט צו אַ ריי מלחמות, די אומפאַרמיידלאַכע באַגלייטער פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

פון דער אַנדערער זייט האָבן די טעכנישע און עקאָנאָמישע פאָרצוגן פון גרויס־פּראָדוקציע געפירט צו אַן אַרויסשטויסן אין קאָנקורענץ־קאַמף די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמישע פאָרמען און צו אַן אַלץ־וואַקסנדיקער **קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל**. אויפן געביט פון אינדוסטריע האָט אָט דער געזעץ פון קאָנצענט־

ראַציע און צענטראַליזאַציע זיך ארויסגעוויזן קודם כל אין א דירעקטן אונטערגאַנג פון קליין־פּראָדוקציע, טיילווייז אין דעם וואָס זי איז רעדוצירט געווארן צו דער ראָלע פון הילף־צעלן פון גרויסע אונטערנעמונגען. אויפ׳ן געביט פון לאַנד־ווירטשאַפט, וועלכע איז אומפאַרמיידלאך אפּגעשטאַנען א דאַנק דער עקזיסטענץ פון אַן ערד־מאָנאָפּאָל און אבסאָלוטער רענט, פון דעם אַלגעמיינעם אנטוויקלונגס־טעמפּאָ, האָט ער געפונען זיין אויסדרוק ניט נאָר אין דער דיפערענציאַציע פון דעם פּויערטום און אין דער פּראָלעטאַריזאַציע פון זיינע ברייטע שיכטן, נאָר הויפּטזעכלאך אין אָפענע און באַהאַלטענע פאַרמען פון אונטערטעניקייט פון דער קליינער פּויערשער ווירטשאַפט אונטער דער הערשאַפט פון גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס דערביי האָט די קליין־ווירטשאַפט געקענט אָפּראַטעווען דאָס אויסערלאַכע אויסזען פון איר אומאָפּהענגיקייט נאָר פאַרן פּרייז פון אַן עקסטרעמער אנשטרענגונג פון ארבעט און א סיסטעמאַטישן אונטער־פאַרברויך.

די וואַקסנדיקע אָנווענדונג פּן מאַשינען, די כסדר׳דיקע פאַרפּאָלקאָמונג פון דער טעכניק און — אויף דער באַזע — די אומאויפהערלאַכע העכערונג פון דעם אָרגאַנישן צוזאַמענשטעל פון קאַפּיטאַל, וועלכע ווערט באַגלייט דורך דעם וואוקס פון אַרבעטס־טיילונג, דורך א העכערונג פון דער פּראָדוקטיווקייט און אינטענסיווקייט פון אַרבעט, האָבן אויך באַדייט אַן אַלץ ברייטערע אָנווענדונג פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט, די אויסבילדונג פון ריזיקע אינדוסטריעלע רעזערוו־אַרמייען, וועלכע ווערן כסדר דערגאַנצט דורך דעם פּויערטום, וואָס ווערט פּראָלעטאַריזירט און אַרויסגעשטויסן פון די דערפער, און דורך דער קליינער און מיטעלער שטאָטישער בורזשואַזיע, וועלכע ווערט רואינירט. די בילדונג פון א הייפל מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל אויף איין פּאָליוס פון די געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען און פון די גיגאַנטישע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט אויף דעם צווייטן; די אומאויפהערלאַך וואַקסנדיקע נאָרמען פון עקספּלואַטאַציע פון דעם ארבעטער קלאַס; די רעפּראָדוקציע אויף א פאַרגרעסערטער באַזע פון די טיפסטע ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם און זיינע פּאָלגן (קריזיסן, מלחמות, און אז. וו.); דער

שטענדיקער וואוקס פון סאָציאַלער אומגלייכהייט, דער וואוקס פון עמפערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועלכער איז פאַראייניקט און דרעסירט דורכן מעכאַניזם פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע גופא, — דאָס אַלץ האָט אומפאַרמיידלאַך געפירט דערצו, אַז די יסודות פון קאַפּיטאַליזם זיינען אונטערגעגראָבן געוואָרן, און דאָס האָט דערנענטערט דעם מאָמענט פון זיין צוזאַמענברוך.

גלייכצייטיק דערמיט איז פאַרגעקומען אַ טיפע איבערקערעניש אין דעם לעבנס־אופן און קולטור־שטייגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט: פּאַראַזיטישע פוילונג פון די ראַנטיער־גרופּן פון דער בורזשואַזיע; פוילן פון דער פאַמיליע, וואָס דאָס האָט אויסגעדריקט דעם וואַקסנדיקן ווידערשפּרוך צווישן דעם מאַסן־אַריינציען פון פרויען אין דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע און די פאָרמען פון דעם פאַמיליען־שטייגער און היים־לעבן, וואס זיי זיינען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס גע׳ירש׳נט געוואָרן פון די פריערדיקע עקאָנאָמישע עפּאָכן; די פאַרפלאַכונג און דעגענעראַציע פון דעם קולטור־אידעאָלאָגישן לעבן, וועלכע וואַקסן אויפ׳ן באַזיס פון אַ זייער שמאָלער ספּעציאַליציע פון אַרבעט, פון דער העכסט אומנאָרמאַלער שטאָטישער אַנטוויקלונג און דער באַשרענקונג פון דעם דאָרפישן לעבן; די אומפייאיקייט פון דער בורזשואַזיע צו באַשאַפן אַ סינטעטישע וויסנשאַפטלאַכע וועלטאַנשויאונג, ניט געקוקט אויף די געוואַלדיקע דערפאָלגן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן; דער וואוקס פון אידעאַליסטישע, מיסטישע און רעליגיעזע אַבערגלויבנס, — דאָס אַלעס סיגנאַליזירט די דערנענטערונג פון׳ם היסטאָרישן סוף פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם.

2. עפּאָכע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל (אימפּעריאַליזם).

דער פּעריאָד פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם איז געווען אין גרונד אַ פּעריאָד פון „פרייער קאָנקורענץ", אַ פּעריאָד פון אַ בערך גלאַטער עוואָלוציע און פאַרשפּרייטונג פון קאַפּיטאַליזם איבער׳ן גאַנצן ערד־קוגל אונטער די באַדינגונגען פון פאַנאַנדערטיילן די נאָך פרייע קאָלאָניעס און זיי פאַרכאַפּן מיט באַ־

וואפנטער קראפט, אונטער די באדינגונגען פון אן אומאויפהערלאכן וואוקס פון די אינווייניקסטע ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם, וועמעס לאסט איז הויפטזעכלאך געפאלן אויף דער קאלאניאלער פעריפעריע, וועלכע מען האט סיסטעמאטיש בארויבט, געדריקט און געשטיקט.

אט דער פעריאד איז צום אנהויב פונם צוואנציקסטן יארהונדערט פארביטן געווארן דורך דעם פעריאד פון אימפעריאליזם, א פעריאד פון שפרונגהאפטיקער און קאנפליקטפולער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, ווען די פרייע קאנקורענץ האט אנגעהויבן שנעל אפטרעטן איר ארט דער מאנאפאל, ווען אלע פריער „פרייע" קאלאניאלע לענדער זיינען שוין געווען צעטיילט, ווען דער קאמף פאר א נייער איבערטיילונג פון די קאלאניעס און איינפלוס־ספערן האט אומפארמיידלאך אנגעהויבן אננעמען, קודם כל, די פארמע פון באוואפנטן קאמף.

אויף אזא אופן האבן די ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם אין זייער גאנצן אומפאנג און אין זייער אמת'ן וועלט־מאסשטאב באקומען זייער שארפסטן אויסדרוק אין דער עפאכע פון אימפעריאליזם (פינאנץ קאפיטאליזם) וועלכער באדייט א היסטאריש נייע פארמע פונם קאפיטאליזם גופא, א נייע באציאונג צווישן די פארשיידענע טיילן פון דער וועלט־קאפיטאליסטישער ווירטשאפט און א מאדיפיצירטע באציאונג צווישן די גרונטקלאסן פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

אט דער נייער היסטארישער פעריאד איז אנטשטאנען אויפן באזיס פון די וויכטיקסטע געזעצן פון דער באוועגונג פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. ער איז ארויסגעוואקסן פון דער אנטוויקלונג פון אינדוסטריעלן קאפיטאליזם ווי זיין היסטארישע פארטזעצונג. ער האט פארשארפט דעם אויסדרוק פון אלע גרונדטענדענצן און געזעצן פון דער באוועגונג פון קאפיטאליזם, פון אלע זיינע גרונד־ווידערשפרוכן און אנטאגאניזמען. דער געזעץ פון קאנצענטראציע און צענטראליזאציע פון קאפיטאל האט געבראכט צו דער בילדונג פון מעכטיקע מאנאפאליסטישע פאראייניגונגען (קארטעלן, סינדיקאטן, טראסטס), צו א נייער פאר־

מע פון גיגאנטישע קאמבינירטע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען דורך די בענק פארבונדן אין איין קנופ. דאס צוזאמענוואקסן פון אינדוסטריעלן קאפיטאל מיט די בענק, דאס אריינציען פון גרויסן ערד־באזיץ אין דעם אלגעמיינעם סיסטעם פון קאפיטאליסטישע ארגאניזאציעס און דער מאנאפאליסטישער כאראקטער פון אט דער פארמע פון קאפיטאליזם האבן פארוואנדלט די עפאכע פון אינדוסטריעלן קאפיטאל אין א עפאכע פון פינאנץ קאפיטאל. די „פרייע קאנקורענץ" פון אינדוסטריעלן קאפיטאליזם, וועלכע האט פארנומען דעם פלאץ פון פעאדאלער מאנאפאל און דער מאנאפאל פונם האנדלס קאפיטאל, האט אליין זיך פארוואנדלט *אין א מאנאפאל פון פינאנץ־קאפיטאל*. די קאפיטאליסטישע מאנאפאלן, ארויסוואקסנדיק פון דער פרייער קאנקורענץ, באזייטיקן זי דערביי נישט, נאר זיי עקזיסטירן איבער איר און לעבן איר, דערמיט גופא באשאפנדיק א ריי אויסערסט שארפע און גרויסע ווידערשפרוכן, רייבונגען און קאנפליקטן.

די וואקסנדיקע אנווענדונג פון קאמפליצירטע מאשינען, כעמישע פראצעסן, עלעקטרישער ענערגיע, די העכערונג פון דעם ארגאנישן צוזאמענשטעל פון קאפיטאל אויף אט דעם באזיס און דאס פאלן פון דער פראפיט־נארמע, וועלכע שטאמט דערפון, און וואס ווערט נאר צייטווייליק פאראליזירט בנוגע צו די גרעסטע מאנאפאל־פאראייניגונגען דורך א פאליטיק פון הויכע קארטעל־פרייזן, רופן ארויס א ווייטערדיק יאגעניש נאך קאלאניאלן סופער־פראפיט און א קאמף פאר א נייער איבערטיילונג פון דער וועלט. סטאנדארדיזירטע מאסן־פראדוקציע פאדערט נייע אויסווייניקסטע אפזאץ־מערק. די וואקסנדיקע נאכפראגע אויף רוי־מאטעריאלן און הייצונג רופט ארויס א פארשטארקטע יאגעניש נאך זייערע קוואלן. ענדלאך, די סיסטעם פון הויכן פראטעקציאניזם, וועלכע שטערט דעם ארויספירן פון סחורות און גאראנטירט עקסטרא פראפיטן פאר דעם עקספארטירטן קאפיטאל, באשאפט עקסטרא־סטימולן ארויסצופירן קאפיטאל. דער עקספארט פון קאפיטאל ווערט דעריבער די אנטשיידנדיקע און ספעציפישע פארמע פון עקאנאמישער פארבינדונג צווישן די פארשיידענע טיילן פון דער קאפיטאליסטי־

שער וועלט־עקאָנאָמיע. דער סך הכל איז, אז דער מאָנאָפּאָל־באַזיץ פון קאָלאָניאַלע אָפּזאַץ־מערק, פון קוואַלן פון רוי מאַטע־ריאַל און פון ספערן פון קאַפּיטאַל־אינוועסטמענט פאַרשטאַרקט אין אַ זייער גרויסער מאָס די אַלגעמיינע אומגלייכמעסיקייט פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און פאַרשאַרפט די קאָנפליקטן צווישן די „גרוים־מעכט" פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל צוליב דער שטרעבונג איבערצוטיילן די קאָלאָניעס און די איינפלוס־ספערן.

דער וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער וועלט־ווירטשאַפט פירט אויף אַזאַ אופן צו אַ ווייטערדיקער אינטערנאַ־ציאָנאַליזאַציע פון דעם ווירטשאַפטלאַכן לעבן און אין דער זעל־ביקער צייט צו אַ קאַמף פאַר נייער איבערטיילונג פון דער וועלט, וועלכע איז שוין פונאַנדערגעטיילט צווישן די גרעסטע מלוכות פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, צו אַן אומבייט און אַ פאַרשאַרפונג פון די פאָרמען פון דעם דאָזיקן קאַמף, צו אַן איבערגאַנג פון דער מע־טאָדע פון ביליקע פרייזן אַלץ מער צו די מעטאָדן פון קראַפט־דרוק (באָיקאָט, הויכער פּראָטעקציאָניזם, צאָל־מלחמות, מלחמות אינם אייגנטלאכן זין פון וואָרט און אַז. וו.). די מאָנאָפּאָליס־טישע פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם ווערט אויף אַזאַ אופן באַגלייט דורך אומפאַרמיידלאַכע אימפּעריאַליסטישע מלחמות, וואָס לויט זייער פאַרנעם און דער צעשטער־קראַפט פון זייער טעכניק האָבן זיי ניט קיין גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע.

3. די קרעפטן פון'ם אימפּעריאַליזם און די קרעפטן פון דער רעוואָלוציע.

די אימפּעריאַליסטישע פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם, וועלכע דריקט אויס אַ טענדענץ פון צוזאַמענשליסען די פאַרשידענע פראַקציעס פון דעם הערשנדיקן קלאַס, שטעלט אוועק די ברייטע מאַסן פונם פּראָלעטאַריאַט ניט אַנטקעגן אַן איינצלנעם אונטער־נעמער, נאָר אין אַ וואַקסנדיקער מדרגה אַנטקעגן דעם קאַפּי־טאַליסטן־קלאַס אינגאַנצן און אַנטקעגן זיין מלוכה־מאַכט. פון דער אַנדערער זייט רייסט אויף אָט די פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם די מחיצות פון דער נאַציאָנאַלער מלוכה, וועלכע זיינען געוואָרן

איינג, און זי ברייטערט אוים די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליס־טישער מלוכה־מאַכט פון דער הערשנדיקער גרויסמעכטישער נאַ־ציע, אוועקשטעלנדיק אַנטקעגן דער דאָזיקער מאַכט די מיליאָניקע מאַסן פון נאַציאָנאַל־אונטערדריקטע פעלקער, סיי צווישן די אַזוי גערופענע קליינע נאַציעס, סיי אין די קאָלאָניעס. די דאָזיקע פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם שטעלט ענדלאַך אוועק אויף דעם שאַרפסטן אופן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות איינע קעגן דער צווייטער.

ביי אַזאַ לאַגע, באַקומט פאַר דער בורזשואַזיע אַ באַזונ־דער באַדייטונג די מ ל ו כ ה־מ אַ כ ט, וועלכע ווערט אַ דיקטאַטור פון דער פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישער אָליגאַרכיע, אַן אויסדרוק פון איר קאָנצענטרירטער מאַכט. די פונקציעס פון אַט דער פיל־נאַציאָנאַלער אימפּעריאַליסטישער מלוכה צוואַוואַקסן זיך אין אַלע ריכטונגען. די אַנטוויקלונג פון די פאָרמען פון מלוכה־קאַפּיטאַליזם, וועלכע פאַרלייכטערן סיי דעם קאַמף אויפן אויסווייניקסטן מאַרק (מיליטערישע מאָביליזאַציע פון דערווירט־שאַפט), סיי דעם קאַמף קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס; דער אוים־שליסלאַך ווילדער וואוקס פון מיליטאַריזם (אַרמיי, ים־ און לופט־פלאָט, די אָנווענדונג פון כימיע און באַקטעריאָלאָגיע); דער וואַקסנדיקער דרוק פון דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה אויפן אַרבעטער־קלאַס (דער וואוקס פון עקספּלואַטאַציע און דירעקטער דרוק פון איין זייט; אַ סיסטעמאַטישע פּאָליטיק פון אונטער־קויפן די ביוראָקראַטישע רעפאָרמיסטישע אויבערשטע גרופּע פון דער אַנדערער), — דאָס אַלעס דריקט מיט זיך אוים דעם ריזיקן וואוקס פון דעם ספּעציפישן געוויכט פון דער מלוכה־מאַכט. אין אַזוינע באַדינגונגען ווערט יעדע מער אָדער ווייניקער גרויסע אַרויסטרעטונג פונם פּראָלעטאַריאַט פאַרוואַנדלט אין אַן אַרויסטרעטונג קעגן דער מלוכה־מאַכט, ד. ה. אַ פּאָלי־טישע אַרויסטרעטונג.

די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, דערהויפּט די אימפּע־ריאַליסטישע עפּאָכע פון אַט דער אַנטוויקלונג, רעפּראָדוצירט די גרונט־ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם אין אַן אַלץ גראַנדיע־

זערן מאַסשטאַב. די קאָנקורענץ צווישן קליינע קאַפּיטאַליסטן
הערט אויף נאָר כדי צו פאַרביטן ווערן דורך דער קאָנקורענץ
צווישן גרויסע; דאָרט וואו עס ווערט איינגעשטילט די קאָנקור־
רענץ צווישן גרויסע, צעפלאַקערט זי זיך צווישן די גיגאַנטישע
פאַריינען פון מאַגנאַטן פון קאַפּיטאַל און זייערע מלוכות; די קרי־
זיסן פאַרוואַנדלען זיך פון אָרטיקע און נאַציאָנאַלע אין קריזיסן,
וועלכע כאַפּן אַרום אַ ריי לענדער, שפּעטער אויך אין וועלט־קרי־
זיסן; מלחמות פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער ווערן פאַרביטן דורך
מלחמות פון קאָאַליציעס און וועלט־מלחמות; דער קלאַסן־קאַמף
פאַרוואַנדלט זיך פון איזאָלירטע אַרויסטרעטונגען פון איינצלנע
אַרבעטער־גרופּן אין אַ נאַציאָנאַלן, שפּעטער אין אַן אינטערנאַ־
ציאָנאַלן קאַמף פונם וועלט־פּראָלעטאַריאַט קעגן דער וועלט־בור־
זשואַזיע. ענדלאַך, קעגן די מעכטיק אָרגאַניזירטע קרעפטן פון
פינאַנץ־קאַפּיטאַל אָרגאַניזירן זיך די צוויי רעוואָלוציאָנערע הויפּט־
קרעפטן: פון איין זייט די אַרבעטער פון די
קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, פון דער אַנדערער
די אונטערן דרוק פון דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל צעדריקטע
פאָלקס־מאַסן פון די קאָלאָניעס, וואָס אָט
די מאַסן גייען אונטער דער פירערשאַפט און העגעמאָניע פון דער
אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַרישער באַווע־
גונג.

אָט די רעוואָלוציאָנערע גרונד־טענדענץ ווערט פונדעסטוועגן
צייטווייליק פּאַראַליזירט דורך דעם, וואָס אייניקע טיילן פון דעם
אייראָפּייאישן, צפון־אַמעריקאַנישן און יאַפּאַנעזישן פּראָלעטאַ־
ריאַט ווערן אונטערגעקויפט דורך דער אימפּעריאַליסטישער בור־
זשואַזיע, און דורך דעם וואָס די נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע אין די
האַלב־קאָלאָניאַלע און קאָלאָניאַלע לענדער, אָנגעשראָקן דורך דער
רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די מאַסן, באַגייט פאַרראַט. די
בורזשואַזיע פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמעכט, וועלכע באַ־
קומט עקסטראַ סופּער־פּראָפיטן, סיי צוליב איר פּאָזיציע אינם
וועלט־מאַרק בכלל, (אַ מער אַנטוויקלטע טעכניק, עקספּאָרט פון
קאַפּיטאַל אין לענדער מיט אַ העכערער פּראָפיט־נאָרמע, א. אַ.

וו.) סיי פון דעם רויבן קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס, האָט געהעכערט דעם לוין פון „אירע" אַרבעטער אויפן חשבון פון אַט די סופּער־פּראָפיטן, אויף אַזאַ אופן פאַראינטערעסירנדיק זיי אין אַנטוויקלען דעם „פאַטערלענדישן" קאַפּיטאַליזם און קאָלאָניאַלן רויב און אין איבערגעגעבנקייט דער אימפּעריאַ־ליסטישער מלוכה. אָט דאָס סיסטעמאַטישע אונטערקויפן האָט זיך געפּראַקטיקירט און פּראַקטיקירט זיך באַזונדערס ברייט אין די שטאַרקסטע אימפּעריאַליסטישע לענדער, געפינענדיק זיין שאַרפסטן אויסדרוק אין דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע און די ביוראָקראַטישע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס: די פירנדיקע קאַדרען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די פּראָפעסיינען (יוניאָנס), וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס די דירעקטע דורכפירער פון בורזשואַזן איינ־פלוס צום פּראָלעטאַריאַט און אַלס די בעסטע שטיצע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

אָבער, האָבנדיק אַרויסגערופן צום לעבן דעם וואוקס פון דער פאַרקויפטער אויבערשטער שיכט פון דעם אַרבעטער קלאַס, צערשטערט דער אימפּעריאַליזם סוף כל סוף זיין איינפלוס אויפן אַרבעטער קלאַס אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די פאַרטיפונג פון די ווידערשפּרוכן פון אימפּעריאַליזם, די פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון די ברייטע אַרבעטער מאַסן און די מאַסן־אַרבעטסלאָ־זיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די ריזיקע הוצאות פון מילי־טערישע קאָנפליקטן און זייערע לאַסטן, דער פאַרלוסט פון מאָ־נאָפּאָל־פּאָזיציעס אויפ'ן וועלט־מאַרק דורך אייניקע מלוכות, די אָפּטיילונג פון קאָלאָניעס און אַז. וו., גראָבן אונטער דעם באַזיס פון סאָציאַל־אימפּעריאַליזם אין די מאַסן. אויך דאָס סיסטע־מאַטישע אונטערקויפן פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער בור־זשואַזיע אין די קאָלאָניעס און האַלבע קאָלאָניעס, איר פאַרראַטן די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און איר דערנענטערונג צו די אימפּעריאַליסטישע מלוכות פּאַראַליזירן נאָר צייטווייליק די אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס. סוף כל סוף פירט דאָס צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעם אימפּעריאַליסטישן

דרוק, צו דעם פאַלן פון דעם איינפלוס פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע אויף די פאָלקסמאַסן, צו דער פאַרשאַרפונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס, צו אַ פונאַנדערבינדן פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע פון די ברייטסטע פויערים־מאַסן און צו דער באַשאַפונג פון באַדינגונגען פאַר דער העגעמאָניע פון דעם פראָלעטאַריאַט פון די קאָלאָניאַלע און אָפּהייענגיגע לענדער אין דעם קאַמף פון די פאָלקס־מאַסן פאַר אומאָפּהייענגיקייט און פאַר פולער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

4. אימפּעריאַליזם און דאָס פאַלן פון קאַפּיטאַליזם.

דער אימפּעריאַליזם האָט אין אַ הויכער מאָס אַנטוויקלט די פּראָדוקטיווע קרעפטן פונם וועלט־קאַפּיטאַליזם. ער האָט פאַרענדיקט די צוגרייטונג פון אַלע מאַטעריעלע פאָרבאַדינגונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. דורך זיינע מלחמות באַווייזט ער, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער וועלט־ווירטשאַפט, וועלכע זיינען אַריבערגעוואַקסן די באַשרענקטע ראַמען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, פאָדערן אַן אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט אין איר אינטערנאַציאָנאַלן וועלט־מאַסשטאַב. דער אימפּעריאַליזם פּרוּווט לייזן אָט דעם ווידערשפּרוך מיט פייער און שווערד, אויסטרעטנדיק אַ וועג פאַר אַן איין־איינציקן אַלוועלטלאַכן מלוכה־קאַפּיטאַליסטישן טראָסט, וואָס זאָל אָרגאַניזירן די גאַנצע וועלט־ווירטשאַפט. אָט די בלוטיקע אוטאָפּיע ווערט באַזונגען דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגן אַלס די פרידלאַכע מעטאָדע פון דעם נייעם „אָרגאַנירירטן" קאַפּיטאַליזם. אין אמת'ן באַגעגנט אָט די אוטאָפּיע אויף איר וועג אומאיבערווינדלאַכע אָביעקטיווע שטרויכלונגען פון אַזאַ מאַסשטאַב, אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז אומפאַרמיידלאַך פאַלן אונטער דער שווערקייט פון זיינע אייגענע ווידערשפּרוכן. דער געזעץ פון אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, פאַרשאַרפט דורך דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע, מאַכט אוממעגלאַך דויערנדיקע און פעסטע אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניגונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות. פון דער אַנדערער זייט

ווערט אַ ריי אימפּעריאַליסטישע מלחמות, וואָס וואַקסן זיך פאַנאַנדער אין וועלט־מלחמות, דורך וועלכע דער געזעץ פון צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל שטרעבט צו דערגיין צו זיין לעצטער וועלט־גרענעץ — אַן איין־איינציקן וועלט־טראָסט — באַגלייט דורך אַזוינע צערשטערונגען, זי וואַרפט אַרויף אַזוינע שווערי־קייטן אויף די פּלייצעס פונם אַרבעטער־קלאַס און מיליאָנען קאָלאָניאַלע פּראָלעטאַריער און פּויערים, אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז אומפאַרמיידלאַך אומקומען אַ סך פריער אונטער די קלעפּ פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

זייענדיק די העכסטע פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם, דערפירנדיק די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער וועלט־ווירטשאַפט צו ריזיקע מאַסשטאַבן, איבעראַרבעטנדיק די גאַנצע וועלט אין זיין געשטאַלט און פורעם, ציט דער אימפּעריאַליזם אַריין אין דעם קרייז פון פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אַלע קאָלאָניעס, אַלע ראַסן און אַלע לענדער. אָבער די מאָנאָפּאָליסטישע פאָרמע פון קאַפּיטאַל אַנטוויקלט אין דער זעלביקער צייט אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס די עלעמענטן פון פּאַראַזיטישער דעגענעראַציע, פוילונג, זינקען פון קאַפּיטאַליזם. פאַרניכטנדיק אין אַ געוויסער מאָס די באַוועג־קראַפט פון קאָנקורענץ, פירנדיק אַ פּאָליטיק פון שטראָף־פּרייזן, באַלעבאַטעווענדיק איבערן מאַרק אומבאַגרענעצט, האָט דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל אַ טענדענץ איינצוהאַלטן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. אַרויספּרעסנדיק ריזיקע סומען פון סופּער־פּראָפיט פון מיליאָנען קאָלאָניאַלע אַרבעטער און פּויערים, אָנזאַמלענדיק קאָלאָסאַלע הכנסות פון אָט דער עקספּלואַטאַציע, באַשאַפט דער אימפּעריאַליזם אַ טיפּ פון פוילנדיקע און פּאַראַזיטיש־דעגענערירנדיקע רענטער־מלוכות און גאַנצע שיכטן פון פּאַראַזיטן, וועלכע לעבן פון שניידן קופּאָנען. פאַרענדיקנדיק דעם פּראָצעס פון שאַפן מאַטעריעלע פאָרבאַדינגונגען פון סאָציאַליזם (קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע־מיטלען, ריזיקע סאָציאַליזאַציע פון אַרבעט, וואוקס פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס), פאַרשאַרפט די אימפּעריאַליסטישע עפּאָכע די ווידערשפּרוכן צווישן די

„גרויסמעכט" און רופט אַרויס מלחמות, וועלכע פירן צו דעם פונאַנדערפאַל פון אַן איינהייטליכער וועלט־ווירטשאַפט. דעריבער איז דער אימפּעריאַליזם *פוילענדיקער און שטאַרבנדיקער קאַפּיטאַליזם*. דאָס איז דער לעצטער עטאַפּ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג בכלל. דאָס איז דער *ערב פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־רעוואָלוציע*.

די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע שטאַמט, אויף אַזאַ אופן, פון די באַדינגונגען פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם בכלל, פון זיין אימפּעריאַליסטישער פאַזע בפרט. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אינגאַנצן קומט צו איר ענדגילטיקן קראַך. די דיקטאַטור פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל קומט אום, אָפּטרעטנדיק איר אָרט דער *דיקטאַטור פונם פּראָלעטריאַט*.

.II

דער אַלגעמיינער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און די ערשטע פאַזע פון דער וועלט־רעוואָלוציע

1. דער וועלט־קריג און דער גאַנג פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן קריזיס.

דער אימפּעריאַליסטישער קאַמף צווישן די גרעסטע מלוכות פון קאַפּיטאַל פאַר אַ נייער איבערטיילונג פון דער וועלט האָט געבראַכט צו דער ערשטער אַלוועלטלאַכער אימפּעריאַליסטישער מלחמה (1914־1918). אָט די מלחמה האָט דערשיטערט די גאַנצע סיסטעם פון וועלט־קאַפּיטאַליזם און האָט אָנגעהויבן דעם פּעריאָד פון זיין אַלגעמיינעם קריזיס. זי האָט אוועקגעשטעלט אין איר דינסט די גאַנצע פאָלקס־ווירטשאַפט פון די קריג־פירנדיקע לענדער, באַשאַפנדיק די געפּאַנצערטע פויסט פון מלוכה־קאַפּיטאַליזם, זי האָט דערפירט ביז אַ גראַנדיעזן מאַסשטאַב די ניט־פּראָדוקטיווע הוצאות, זי האָט פאַרניכטעט אַ ריזיקע צאָל פּראָדוקציע־מיטלען און לעבעדיקע אַרבעטס־קראַפט, זי האָט רואינירט ברייטע אַרבעטער־מאַסן, זי האָט אַרויפגעוואָרפן אומצייליקע לאַסטן אויף די אינדוסטריעלע אַרבעטער, די פּויערים, די קאָלאָניאַלע פעלקער, זי האָט אומפאַרמיידלאַך פאַרשאַרפט דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער איז איבערגעוואַקסן אין אָפענע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די מאַסן און אין בירגער־קריג. דער אימפּעריאַליסטישער פראָנט איז דורכגעריסן געוואָרן אין זיין שוואַכסטן רינג — אין צאַרישן רוסלאַנד. די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917 האָט אַרונטערגעוואָרפן די הערשאַפט פון דער גרויס־פּריצישער זעלבסט־

הערשאַפט. די *אָקטאָבער*-רעוואָלוציע האָט אַרונטערגעוואָרפן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. אָט די זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט עקספּראָפּריאירט די עקספּראָפּריאַטאָרן, זי האָט צוגענומען ביי דער בורזשואַזיע און די פּריצים די פּראָדוקציע-מיטלען, זי האָט צום ערשטן מאָל אין דער מענשלאַכער געשיכטע באַשאַפן און באַפעסטיקט די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ ריזיקן לאַנד, זי האָט פאַרקערפּערט אין לעבן אַ נייעם, *סאָוועטישן* טיפּ פון מלוכה און זי האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון אַן *אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט*.

אויפן גרונד פון דער מעכטיקער אויפטרייסלונג פונם גאַנצן וועלט-קאַפּיטאַליזם, פון דער פאַרשאַרפונג פון קלאַסן-קאַמף, און אונטער דעם אומיטלבאַרן איינפלוס פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט איז פאָרגעקומען אַ ריי רעוואָלוציעס און רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, סיי אויפן קאָנטינענט פון אייראָפּע, סיי אין די קאָלאָניאַלע און האַלב קאָלאָניאַלע לענדער: אין יאַנואַר, 1918 — אַן אַרבעטער רעוואָלוציע אין פינלאַנד; אין אויגוסט, 1918 — די אַזוי-גערופענע „רייז-רעוואָלטן“ אין יאַפּאַן; אין נאָוועמבער, 1918 — רעוואָלוציעס אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן אַרונטערגעוואָרפן דעם רעזשים פון האַלב-פעאָדאַלע מאָנאַרכיעס; אין מערץ, 1919 — אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין אונגאַרן און אַן אויפשטאַנד אין קאָרעאָ; אין אַפּריל, 1919 — אַ סאָוועטן-מאַכט אין בייערן; אין יאַנואַר, 1920 — אַ בורזשואַזנאַציאָנאַליסטישע רעוואָלוציע אין טערקיי; אין סעפּטעמבער, 1920 — די פאַרכאַפּונג פון פאַבריקן דורך די אַרבעטער אין איטאַליען; אין מערץ, 1921 — דער אויפשטאַנד פון די פאָרטגעשריטענע אַרבעטער אין דייטשלאַנד; אין סעפּטעמבער, 1923 —אַן אויפשטאַנד אין בולגאַריע; אין הערבסט, 1923 — אַ רעוואָלוציאָנערער קריזיס אין דייטשלאַנד; אין דעצעמבער, 1924 — אַן אויפשטאַנד אין עסטלאַנד; אין אַפּריל, 1925 — אַן

אויפשטאַנד אין מאַראָקאָ; אין אויגוסט — אין סיריען; אין
מאַי, 1926 — אַ גענעראַל־סטרייק אין ענגלאַנד; אין יולי,
1927 — אַן אויפשטאַנד פון די אַרבעטער אין ווין. אָט די
אַלע פאַקטן און, ענדלאַך, אַזוינע געשעענישן ווי דער אויפשטאַנד
אין אינדאָנעזיע, אַ טיפע יוירינג אין אינדיע, די גרויסע כינעזישע
רעוואָלוציע, וועלכע האָט דערשיטערט דעם גאַנצן אַזיאַטישן קאָנ־
טינענט, זיינען רינגען אין איין אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנע־
רער קייט, זיי זיינען די באַשטאַנד־טיילן פון דעם אויסערסט־
טיפן אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. אָט דער אינטערנאַ־
ציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס האָט אַרומגעכאַפּט סיי
דעם אוממיטלבאַרן קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַ־
ריאַט, סיי די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע מלחמות, סיי די קאָלאָניאַ־
לע אויפשטאַנדן קעגן אימפּעריאַליזם, וועלכע זיינען אויפ'ן ענגסטן
אופן פאַרבונדן מיט דער אַגראַר־באַוועגונג פון מיליאָניקע מאַסן
פויערטום. ריזיקע מאַסן פון דער מענשהייט זיינען, אויף אַזאַ
אופן, אַריינגעצויגן געוואָרן אינם רעוואָלוציאָנערן שטראָם. די
אַלוועלטלאַכע געשיכטע איז אַריינגעטרעטן אין אַ נייער פאַזע פון
איר אַנטוויקלונג, אין אַ פאַזע פון אַ דויערנדיקן אַלגעמיינעם
קריזיס פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. דערביי האָט די אייני־
הייט פון דער וועלט־ווירטשאַפט געפונען איר אויסדרוק אין
דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציע, און די
אומגלייכמעסיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון אירע איינצלנע
טיילן האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער ניט־גלייכצייטיקייט פון
דער רעוואָלוציע אין פאַרשיידענע לענדער.

די ערשטע פּראָבעס פון אַ רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש,
וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אויפן באַזיס פון אַ שאַרפן קריזיס
פון קאַפּיטאַליזם (1921-1918) האָבן זיך געענדיקט מיט דעם זיג
און דער באַפעסטיקונג פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט
אין דעם פּ. ס. ס. ר. און מיט אַ מפּלה פונם פּראָלעטאַריאַט אין
אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער. די דאָזיקע מפּלות זיינען אין
דער ערשטער ריי אַ רעזולטאַט פון דער פאַררעטערישער טאַקטיק
פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער און רעפאָרמיסטישע לי־

דערס פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ווי אויך דער רעזול־טאַט פון דעם פאַקט, וואָס הינטער די קאָמוניסטן איז נאָך ניט געווען די מערהייט פונס ארבעטער־קלאַס און וואָס אין א ריי וויכטיקסטע לענדער זיינען נאָך בכלל ניט געווען קיין קאָמוניס־טישע פאַרטייען. אויפ׳ן באַזיס פון אַט די מפלות, וועלכע האָבן באַשאַפן די מעגלאַכקייט פון א פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן פּראָלעטאַריאַט און קאָלאָניאַלע פעלקער, אויפן באַזיס פון א שאַרפער פאַרערגערונג פון זייער לעבנס־סטאַנדאַרד, האָט די בורזשואַזיע דערגרייכט א טיילווייזע סטאַביליזאַציע פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן.

2. דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס און די קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אין דעם גאַנג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָבן ערווארבן א באַזונדער באַדייטונג פון א זייער גרויסער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קראַפט, וואָס האָט אַקטיוו געקעמפט קעגן דער רעוואָלוציע און אַקטיוו געשטיצט די טיילווייזע סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַל, די פירנדיקע קאַדרען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען און פון די רעפאָרמיסטישע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, און פון דער אַנדערער זייט די מיליטאַנטע קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס פון א פאַשיסטישען טיפּ.

דער מיליטערישער קריזיס פון 1914־1918 איז באַגלייט געוואָרן ד ו ר ך א ש ע נ ד ל א ב ן ד ו ר כ פ א ל פון ד ע ם ס אָ צ י א ל ־ ד ע מ אָ ק ר א ט י ש ן צ וו י י ט ן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל. אין פולן געגנזאַץ צום טעזיס פונס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון מאַרקס־ענגלס, אַז אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדנונג האָט דער פּראָלעטאַריאַט ניט קיין פאָ־טערלאַנד; אין פולן געגנזאַץ צו די אַנטי־מלחמה־רעזאָלוציעס פון דעם שטוטגאַרטער און באַזעלער קאָנגרעסן, האָבן די פירער פון די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען, מיט איינצלנע אויסנאַמען, געשטימט פאַר די מלחמה־קרעדיטן, זיי האָבן זיך אַנטשיידן אַרויסגעזאָגט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון

די אימפּעריאַליסטישע „פּאַטערלענדער" (ד. ה. די מלוכה־אָרגאַ־ניזאציעס פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע) און אָנשטאָט צו קעמפן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, זיינען זיי געוואָרן אירע געטרייע סאָלדאַטן, פּראָפּאַגאַנדיסטן און זינגער (סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם, וועלכער וואַקסט אַריבער אין סאָציאַל־אימפּעריאַליזם). אין דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געשטיצט די רויבערישע אָפּמאַכן (ברעסט, ווער־סאַל); זי איז אַרויסגעטראָטן ווי אַן אַקטיווע קראַפט אויף דער זייט פון די גענעראַלן אין דער צייט פון בלוטיקן אונטערדריקן די פּראָלעטאַרישע אויפשטאַנדן (נאָסקע); זי האָט געפירט אַ באַוואַפנטן קאַמף קעגן דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעפּובליק (ראַטן־רוסלאַנד); זי האָט פאַררעטעריש איבערגעגעבן דער בור־זשואַזיע דעם פּראָלעטאַריאַט וואָס האָט גענומען די מאַכט אין זיינע הענט (אונגאַרן); זי איז אַריין אין דער אימפּעריאַליסטי־שער פעלקער־ליגע (טאָמאַ, פּאָול באָנקור, וואַנדערוועלדע); זי האָט זיך דירעקט געשטעלט אויף דער זייט פון די אימפּעריאַליסטישע שקלאַפן־האַלטער קעגן די קאָלאָניאַלע שקלאַפן (די ענגלישע אַר־בעטער־פּאַרטיי); זי האָט אַקטיוו געשטיצט די רעאַקציאָנערסטע הענקער פונ'ם אַרבעטער־קלאַס (בולגאַריע, פּוילן); זי האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע פון אימפּעריאַליסטישע „מיליטער־רישע געזעצן" (פראַנקרייך); זי האָט פאַרראַטן דעם גרויסן גענעראַל־סטרייק פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט; זי האָט געהאָלפן דערשטיקן דעם סטרייק פון די מיינערס; זי האָט געהאָלפן און העלפט דערשטיקן כינע און אינדיע (די רעגירונג פון מאַקדאָ־נאַלד); זי איז אַ פּראָפּאַגאַנדיסטקע פאַר דער אימפּעריאַליסטי־שער פעלקער־ליגע, אַ נביאה פון קאַפּיטאַל און אַן אָרגאַניזיר־קראַפט אין דעם קאַמף קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין דעם פ. ס. ס. ר. (קאַוטסקי, הילפערדינג).

סיסטעמאַטיש דורכפירנדיק אַט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק, אָפּערירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דורך אירע צוויי פליגלען: דער רעכטער פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער אָפן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער, איז נייטיק פאַר אונטערהאַנד־

לונגען און אוממיטלבארער פארבינדונג מיט דער בורזשואזיע; דער ל י נ ק ע ר — פאר א באזונדערס קונציקן נארן די ארבעטער. די „לינקע" סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע שפּילט זיך מיט א פאַציפיסטישער, אמאל אפילו מיט א רעוואָלוציאָנערער פראזע, טרעט אין אמת'ן ארויס קעגן די ארבעטער, באזונדערס אין די קריטישסטע מאָמענטן (די ענגלישע „אומאָפּהענגיקע" און „לינקע" פירער פונם גענעראל־ראט אין דער צייט פונם גענעראל־סטרייק פון 1926; אָטאָ באוער עט קאמפּ. אין דער צייט פונם ווינער אויפשטאנד און אז. וו.) און איז דעריבער די געפערלאכסטע פראקציע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. דינענדיק די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע אין די רייען פון דעם ארבעטער־קלאס און שטייענדיק אינגאנצן אויף דעם באָדן פון קלאסן־מיטארבעטערשאפט און קאאליציע מיט דער בורזשואזיע, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין געוויסע פעריאָדן געצוואונגען איבער־צוגיין אין דער לאגע פון אן אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי און אפילו סטימולירן די פארטיידיקונג פון די קלאסן־אינטערעסן פונם פראָ־לעטאריאט אין זיין עקאָנאָמישן קאמף, נאָר כדי, דעראָבערנדיק דורך דעם דעם צוטרוי פון א טייל פונ'ם ארבעטער־קלאס, נאָך שענדלאכער צו פאראטן זיינע דויערנדיקע אינטערעסן, באזונ־דערס אין דער צייט פון אנטשיידנדיקע קלאסן־שלאכטן.

די הויפּט־ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באשטייט איצט אין אונטערגראָבן די נויטיקע קעמפערישע איינִיקייט פונם פראָלעטאריאט אין זיין קאמף קעגן אימפעריאליזם. צעשפּאלטנדיק און דעמאָראליזירנדיק דעם איינהייטלאכן פראָנט פונם פראָלע־טארישן קאמף קעגן קאפּיטאל, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די הויפּט־שטיצע פונם אימפעריאליזם אינם ארבעטער־קלאס. די אינטערנאציאָנאלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון אלע שאטירונגען, דער צווייטער אינטערנאציאָנאל און זיין פראָפעראייניגשע אָפּ־טיילונג, די אמסטערדאמער פאראייניקונג פון די פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, זיינען אויף אזא אופן געווארן דער רעזערוו פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, איר זיכערסטע שטיצע.

3. דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם.

גלייכצייטיק מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט וועמעס הילף די בורזשואַזיע אונטערדריקט די אַרבעטער אָדער זי פאַר־לעפּערט זייער קלאַסן־וואַכזאַמקייט, טרעט אַרויס דער פאַ־שיזם. די עפּאָכע פונעם אימפּעריאַליזם, די פאַרשאַרפונג פון דעם קלאַסן־קאַמף און דאָס אָנוואַקסן, באַזונדערס נאָך דער אימ־פּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה, פון עלעמענטן פון בירגער־קריג האָבן געבראַכט צו דעם באַנקראָט פון פּאַרלאַמענטאַריזם. דערפון נעמען זיך „נייע" מעטאָדן און פאָרמען פון פאַרוואַלטונג (צום ביישפּיל, די סיסטעם פון קליינע קאַבינעטן, די שאַפונג פון אָלי־גאַרכישע הינטער־קוליסן־גרופּן, דאָס פאַלן און די פאַלסיפיקאַציע פון דער ראָלע פון „פאָלקס־פאַרטרעטונג", די פאַרקלענערונג און פאַרניכטונג פון „דעמאָקראַטישע פרייהייטן" און אַז. וו.). אָט דער פּראָצעס פון דער אָפענסיווע פון דער בורזשואַז־אימפּעריא־ליסטישער רעאַקציע נעמט אָן אונטער באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען די פאָרמע פון פאַשיזם. אַזוינע באַדינגונגען זיינען: די ניט־סטאַבילקייט פון קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטנישן; די אָנוועזנקייט פון באַדייטנדיקע דעקלאַסירטע סאָציאַלע עלעמענטן; די פאַראָרימונג פון ברייטע שיכטן פון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע און אינטעליגענץ; די אומצופרידנקייט פון דער דאָרפישער קליין־בורזשואַזיע, און, ענדלאָך, די שטענדיקע דראָ־אונג פון מאַסן־אַרויסטרעטונגען פונם פּראָלעטאַריאַט. כדי צו זיכערן זיך אַ גרעסערע סטאַבילקייט פון דער מאַכט, אַ פעסט־קייט און אַ שטענדיקייט פון דער מאַכט, איז די בורזשואַזיע אַלץ מער גענויגט איבערצוגיין פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם צו דער פאַשיסטישער מעטאָדע, וועלכע איז אומאָפּ־הענגיק פון אינטערפּאַרטייאישע באַציאונגען און קאָמבינאַציעס. דאָס איז די מעטאָדע פון אוממיטלבאַרער דיקטאַטור, וועלכע דעקט זיך צו אידעאָלאָגיש מיט דער „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער אידייע" און מיט דער פאַרטרעטערשאַפט פון „פּראָפעסיעס" (אין עצם פאַרשיידענע גרופּן פון די הערשנדיקע קלאַסן) — עס איז אַ מע־

טאָדע פּון אויסנוצן די אומצופרידנקייט פון קליין־בירגערלאכע, אינטעליגענטישע און אנדערע מאסן דורך אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַלער דעמאַגאָגיע (אנטיסעמיטיזם, טיילווייזע ארויסטרעטונגען קעגן דעם וואוכער־קאַפּיטאַל, עמפּערונג קעגן דער פּארלאַמענטאַרישער „פּלאַפּלעריי״) און קאָרופּציע אין דער געשטאַלט פון באַשאַפן אַ צונויפגעשלאָסענע און באַצאָלטע היעראַרכיע פון פאַשיסטישע מיליטערישע אָפּטיילונגען, פון אַ פּאַרטייאישן אַפּאַראַט און באַאַמטנטום; דערביי שטרעבט דער פאַשיזם ארייַנצודרינגען אויך צווישן די אַרבעטער, ריכטיקער, צווישן די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פון די אַרבעטער, אויסנוצנדיק זייער אומצופרידנקייט מיט דער פּאַסיווקייט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע א. אז. וו. די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם פאַשיזם איז — ברעכן דעם רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־אַוואַנגאַרד, ד. ה., די קאָמוניסטישע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט און זייערע קאַדר־עלעמענטן. אַ קאָמבינאַציע פון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע, קאָרופּציע און אַקטיוון ווייסן טעראָר, גלייכצייטיק מיט אַן עקסטרעמער אימפּעריאַליסטישער אַגרעסיווקייט אין דער ספערע פון דער אויסן־פּאָליטיק איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונם פאַשיזם. נוצנדיק, אין די, פאַר דער בורזשואַזיע באַזונדערס קריטישע פּעריאָדן, די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע, ווייזט זיך דער פאַשיזם ארויס, ווען ער באַפעסטיקט זיך ביים רודער פון דער מלוכה־מאַכט, אַלס די טעראָריסטישע דיקטאַטור פון גרויס־קאַפּיטאַל, פאַרלירנדיק אויפן וועג זיינע אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע פליטערלאַך.

צופּאַסנדיק זיך צו דער ענדערונג פון דער פּאָליטישער קאָניונקטור, נוצט די בורזשואַזיע אויס סיי די מעטאָדן פון פאַשיזם, סיי די מעטאָדן פון קאָאַליציע מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דערביי שפּילט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גופא, אין מאָמענטן וואָס זיינען אַמקריטישסטן פאַרן קאַפּיטאַליזם, ניט זעלטן אליין אַ פאַשיסטישע ראָלע. אין דעם גאַנג פון אַנטוויקלונג ווייזט זי ארויס פאַשיסטישע טענדענצן, וואָס דאָס שטערט איר ניט, ביי אַן אַנדער פּאָליטישער קאָניונקטור, זיך צו פאַרשטעלן ווי אַ קריטיקער פון דער בורזשואַזער רעגירונג אין דער ראָלע פון אַן אָפּאָ־

זיציאנעלער פארטיי. די מעטאדע פון פאשיזם און די מעטאדע פון קאאליציע מיט דער סאציאל־דעמאקראטיע, זייענדיק מעטאדן אומגעוויינטלאכע פארן „נארמאלן" קאפיטאליזם און פארשטעלנדיק מיט זיך סימנים פון דעם אלגעמיינעם קאפיטאליסטישן קריזיס, ווערן אויסגענוצט דורך דער בורזשואזיע צו פארלאנגזאמען דעם פארווערטס מארש פון דער רעוואלוציע.

4. ווידערשפרוכן פון דער קאפיטאליסטישער סטאביליזאציע און די אומפארמיידלאכקייט פון א רעוואלוציאנערן דורכפאל פון קאפיטאליזם.

די דערפארונג פון דער גאנצער נאך־מלחמה׳דיקער היסטארישער שטרעקע באווייזט, אז די סטאביליזאציע פון קאפיטאליזם, וואס איז דערגרייכט געווארן דורך פארגוואלדיקן דעם ארבעטערקלאס און א סיסטעמאטישן דרוק אויף זיין לעבנס־סטאנדארד, קען זיין נאר א טיילווייזע, צייטווייליקע, פוילע.

די שפרונגהאפטיקע און פיבערהאפטיקע אנטוויקלונג פון טעכניק, וואס אין איניקע לענדער איז זי שיער ניט א נייע טעכנישע איבערקערעניש; דער פארשנעלערטער פראצעס פון קאנצענטראציע און צענטראליזאציע פון קאפיטאל, די שאפונג פון ריזיקע טראסטס, „נאציאנאלע" און „אינטערנאציאנאלע" מאנאפאלן; דאס צוזאמעוואקסן פון די טראסטס מיט דער מלוכהמאכט; דער וואוקס פון דער קאפיטאליסטישער וועלט־ווירטשאפט קענען פונדעסטוועגן ניט גובר זיין דעם אלגעמיינעם קריזיס פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. די שפאלטונג פון דער וועלט־ווירטשאפט אויף א קאפיטאליסטישן און סאציאליסטישן סעקטאר; די פארשמעלערונג פון די מערק; די אנטי־אימפעריאליסטישע באוועגונג אין די קאלאניעס פארשארפן אויסערגעוויינטלאך אלע ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם, וועלכער אנטוויקלט זיך אויף א נייער, נאך־מלחמה׳דיקער באזע. דער טעכנישער פראגראס און די ראציאנאליזאציע גופא פון דער אינדוסטריע, וואס זייער צווייטע זייט איז דאס שליסן און ליקווידירן פון א גאנצע ריי אונטערנעמונגען, די באשרענקונג פון דער פרא־

דוקציע, די אומדערבאַרמדיקע און רויבערישע עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט פירט צו אַ ריזיקער כראָנישער אַרבעטס־לאָזיקייט, וואָס אַזוינס האָט מען פריער ניט געזען. אַפילו אין אַ ריי אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט די אַבסאָלוטע פאַרערגערונג פון דער לאַגע פונם אַרבעטער־קלאַס אַ פאַקט. דער וואוקס פון דער קאָנקורענץ צווישן די אימפּעריאַליסטישע לענדער און די שטענדיקע דראָאונג פון אַ מלחמה, די וואַקסנדיקע אינטענ־סיווקייט פון די קלאַסן־קאָנפליקטן באַשאַפן פאַרבאַדינגונגען פאַר אַ נייעם, נאָך העכערן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגע־מיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם און פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע.

אַלס רעזולטאַט פון דעם ערשטן טור פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות (דער וועלט־קריג פון 1914—1918), און פון דעם אָקטאָ־בער־זיג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער געוועזענער אימפּעריע פון דעם רוסישן צאַר, איז די וועלט־ווירטשאַפט צעשפּאָלטן גע־וואָרן אויף צוויי פּרינציפּיעל־פייַנטלאַכע לאַגערן: ד ע ר ל אַ ג ע ר פ ו ן ד י א י מ פּ ע ר י אַ ל י ס ט י ש ע מ ל ו כ ו ת א ו ן ד י ד י ק ט אַ ט ו ר פ ו נ ם פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט פ ו ן ד ע ר פ. ס. ס. ר. דער אונטערשייד אין דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער מאַכט, דער פּרינציפּיעלער אונטערשייד אין די ציל־ן פון דער אינווייניקסטער און אויסנווייניקסטער עקאָ־נאָמישער און קולטורעלער פּאָליטיק, די פּרינציפּיעל־פאַרשיידענע ריכטונג פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג שטעלט שאַרף צוזאַמען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט מיט דער מלוכה פונ׳ם זיגרייכן פּראָ־לעטאַריאַט. אין די ראַמען פון דער פריער אייניקער וועלט־ווירט־שאַפט קעמפן צוויי אַנטאַגאָניסטישע סיסטעמען: די סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם און די סיסטעם פון סאָציאַליזם. דער קלאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך ביז אַהער געפירט אין אַזוינע פאָרמען, וואו דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געהאַט זיין מלוכה־מאַכט, ווערט איצט רעפּראָדוצירט אויף אַ ריזיקן מאַסשטאַב, אויף אַן אמת׳ן וועלט־מאַסשטאַב, און דער אַרבעטער־קלאַס האָט שוין דערביי זיין מלוכה, דאָס איינציקע פאָטערלאַנד פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן

פּראָלעטאַריאַט. די עקזיסטענץ פונם ראַטנפאַרבאַנד מיט זיין אַלוועלטלאַכער ווירקונג אויף די אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע מאַסן איז פאַר זיך אַליין דער שאַרפסטער אויסדרוק פון דעם אויסערסט־טיפן קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־סיסטעם און פון דער אויסברייטונג און פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן־קאַמף, וואָס אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער געשיכטע.

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, ניט זייענדיק בכח גובר צו זיין אירע אינווייניקסטע ווידערשפּרוכן, פּרוּווט צו באַשאַפן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניגונגען (פעלקער־ליג) וועמעס הויפּט ציל איז אָפּצושטעלן דעם אומפאַרהאַלטבאַרן וואוקס פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריזיס, דערשטיקן דורך בלאָקאַדע אָדער מלחמה דעם פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַרישע רעפּובליקן. אין דער זעלביקער צייט פאַראייניקן זיך אַרום דעם פ. ס. ר. אַלע קרעפטן פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע מאַסן. אַנטקעגן דער אומזיכערער קאָאַליציע פון *קאַפּיטאַל* וועלכע איז באַוואַפנט ביז די ציין און ווערט צעעסן פון אינווייניק, שטייט די אייניקע וועלט־קאָאַליציע פון *אַרבייט*. אַלס רעזולטאַט פון דעם ערשטן טור פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות איז אויף אַזאַ אופן אויסגעוואַקסן דער ערשטער פּרינציפּיעלער ווידערשפּרוך פון אַ וועלט־היסטאָרישן מאַסשטאַב און באַדייטונג: *דער ווידערשפּרוך צווישן דעם פ.ס.ר. און דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.*

פון דער אַנדערער זייט זיינען פאַרשאַרפט געוואָרען אויך די *אַנטאַגאָניזמען אינווייניק אינעם קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר פון דער וועלט־ווירטשאַפט*. דאָס אַריבערטראָגן פון דעם עקאָנאָמישן וועלט־צענטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, די פאַרוואַנדלונג פון דער „דאָלער־רעפּובליק” אין אַ וועלט־עקספּלואַטאַר האָבן פאַרשאַרפט די באַציאונגען צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם אייראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם, אין דער ערשטער ליניע דעם קאַפּיטאַליזם פון גרויסבריטאַניען. דער קאָנפליקט צווישען דער מעכטיקסטער פון די אַלט־קאָנסערוואַטיווע אימפּע־

ריאַליסטישע לענדער, גרויסבריטאַניען, און דעם גרעסטן לאַנד פון דעם יונגן אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין דעראָבערט אַ וועלט־העגעמאָניע, די פאַראייניקטע שטאַטן, ווערט די אַקס פון די וועלט־קאָנפליקטן צווישן די מלוכות פון דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דייטשלאַנד, וואָס איז באַראַבעוועט געוואָרן דורך דעם ווערסאַלער פרידן און וואָס איז שוין עקאָנאָמיש געקומען צו זיך און שטעלט זיך ווידער אויפן וועג פון אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, הויבט ווידער אָן אַרויסצוטרעטן אַלס ערנסטער קאָנקורענט אויפן וועלט־מאַרק. אויפן שטילן אָקעאַן פלעכט זיך צוזאַמען אַ קנופּ פון ווידערשפּרוכן, וואָס זייער הויפּט־גרונט איז דער אַמעריקאַניש־יאַפּאַנעזישער קאָנפליקט. גלייכצייטיק מיט אָט די גרונד־אַנטאַגאָניזמען אַנטוויקלען זיך ווידערשפּרוכן פון אינטערעסן צווישן אַזוינע גרופּירונגען פון מלוכות, וואָס בייטן זיך און זיינען ניט סטאַביל און דערביי שפּילן די צווייט־גראַדיגע מלוכות די ראָלע פון הילפס־געצייגן אין די הענט פון די אימפּעריאַליסטישע גיגאַנטן און זייערע קאָאַליציעס.

דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע־פייאיקייט פון דעם אינדוסטריעלן אַפּאַראַט פון וועלט־קאַפּיטאַליזם אין אַ צייט ווען, אַלס רעזולטאַט פון דער מלחמה, זיינען די אינוויינעקסטע מערק אין אייראָפּע שמעלער געוואָרן, אין אַ צייט ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַרויסגעפאַלן פון דער ספערע פון ריין־קאַפּיטאַליסטישער צירקולאַציע, אין אַ צייט ווען עס זיינען העכסט מאָנאָפּאָליזירט די וויכטיקסטע רוי־מאַטעריאַלן און הייצונג־קוואַלן, פירט צו אַ פאַנאַנדערוויקלונג פון קאָנפליקטן צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. דער „וועלט“־קאַמף פאַר פּעטראָלעאום, גומי, באַוועל, קוילן, מעטאַל, פאַר אַ נייער איבערטיילונג פון די מערק און אינוועסטמענט־ספערן פון קאַפּיטאַלן פירט אומפאַרמיידלאַך צו אַ נייער וועלט־מלחמה, וואָס מוז זיין אַלץ מער פאַרניכטנדיק, וואָס גרעסערע דערפאָלגן עס מאַכט די מיליטערישע טעכניק, וואָס אַנטוויקלט זיך מיט משוגענעם אימפּעט.

אין דער זעלביקער צייט וואַקסן די ווידערשפּרוכן צווישן די מעטראָפּאָליעס און די קאָלאָניאַלע

און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער. אַ געוויסע אָפּשוואַכונג פונם אייראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם אַלס רעזולטאַט פון דער מלוכה, די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס, דער איינפלוס פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, די צענטריפוגאַלע טענדענצן אין דער וויכטיקסטער ים־און קאָלאָניאַלער גרויסמאַכט — גרויס־בריטאַניען (קאַנאַדע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע) — האָבן לייכטער געמאַכט דאָס פאַנאַנדערבינדן פון אויפשטאַנדן אין די קאָלניעס און האַלב־קאָלאָניעס. די גרויסע כינעזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג הונדערטער מיליאָנען פון דעם כינעזישן פאָלק, באַדייט אַ געוואַלדיקן לאָך אין דער גאַנצער סיסטעמע פון אימפּעריאַליזם. די אומאויפהערליכע רעוואָלוציאָנערע יוירונג צווישן די הונדערטע מיליאָנען פון אינדישע אַרבעטער און פויערים דראָט צו צוברעכן די הערשאַפט פון דער וועלט־פעסטונג פון אימפּעריאַליזם — גרויס־בריטאַניען. דער וואוקס פון טענדענצן, וואָס זיינען געווענדט קעגן דעם מעכטיקסטן אימפּעריאַליזם פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין די לענדער פון לאַטייניש אַמעריקע, איז אַ קראַפט וואָס גראָבט אונטער די עקספּאַנסיע פון דעם צפון־אַמעריקאַנישן קאַפּיטאַל. אַזוי קומט אויס, אַז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס אין די קאָלאָניעס וועלכער ציט אַריין אין קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם אַ ריזיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון דער ערד, וועלכע איז אונטערגעוואָרפן דער פינאַנץ־קאַפּיטאַליסטישער אָליגאַרכיע פון עטליכע זייער גרויסע „וועלט־מעכט” פון אימפּעריאַליזם, איז אין דער זעלביקער צייט דער אויסדרוק פון אַ טיפן אַלגעמיינעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָבער אויך אין אייראָפּע, וואו דער אימפּעריאַליזם האָט אַוועקגעלייגט אונטער זיין שווערן שטיוול אַ גאַנצע ריי קליינע נאַציעס, איז די נאַציאָנאַלע פראַגע אַ פאַקטאָר, וואָס פאַרשאַרפט די אינווייניקסטע ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם.

ענדלאַך, דער רעוואָלוציאָנערער קריזיס ווערט צייטיק אומפאַרמיידלאַך אויך אין די צענטרען פון אימפּעריאַליזם גופא: די אָפענסיווע פון דער בורזשו־

אזיע אויף דעם ארבעטער־קלאַס, אויף זיין לעבנס־סטאַנדאַרד, זיי־נע אָרגאַניזאַציעס, זיינע פּאָליטישע רעכט און דער וואוקס פון דעם ווייסן טעראָר רופן ארויס א וואקסנדיקן ווידערשטאַנד מצד די ברייטע מאַסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט און א פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן־קאַמף צווישן דעם ארבעטער־קלאַס און דעם טראַס־טיפיצירטן קאַפּיטאַל. גראַנדיעזע שלאַכטן צווישן קאַפּיטאַל און ארבעט; דער פּראָצעס פון א וואַקסנדיקער לינקער שטימונג ביי די מאַסן; דער וואוקס פון דעם איינפלוס און אויטאָריטעט פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען; דער ריזיקער וואוקס פון סימפּאַ־טיעס ביי די ברייטסטע ארבעטער־מאַסן פאַר דעם לאַנד פון פּראָ־לעטאַרישער דיקטאַטור, — דאָס אַלעם ווייזט דייטלאַך, אז עס וואַקסט אָן א נייער רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג אין די צענ־טרען פון אימפּעריאַליזם.

עס איז קלאָר, אז די סיסטעם פונם וועלט־אימפּעריאַליזם און מיט איר צוזאַמען די טיילווייזע סטאַביליזאַציע פונם קאַפּי־טאַליזם ווערן פאַרנאַנדערגעגעסן פון פאַרשידענע זייטן: פון דער זייט פון ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן צווישן די אימפּעריאַ־ליסטישע גרויסמעכט; פון דער זייט פון די מיליאָניקע קאָ־לאָניאַלע מאַסן, וואס הויבן זיך אויף צום קאַמף; פון דער זייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון די מעטראָ־פּאָליעס, ענדלאַך, פון דער זייט פון דעם העגעמאָן פון דער גאַנ־צער אַלוועלטלאַכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — דער פּראָלע־טאַרישער דיקטאַטור אינם פ. ס. ס. ר. די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע אנטוויקלט זיך. אנטקעגן איר זאַמלט דער אימפּע־ריאַליזם זיינע קרעפטן. עקספּעדיציעס קעגן די קאָלאָניעס, א נייער וועלט־קריג, א מאַרש קעגן דעם פ. ס. ר. ווערן אַוועק־געשטעלט דורך דעם אימפּעריאַליזם אויף דער טאָג־אָרדנונג. דאָס ברייינגט מיט זיך אומפאַרמיידלאַך א **פונאַנדער־בינדן פון אַלע קרעפטן פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע און אן אומפאַרמיידלאַכן אונטערגאַנג פון קאַ־פּיטאַליזם.**

.III

דער ענד־ציל פונם קאָמוניסטישען אינטער־נאַציאָנאַל — וועלט־קאָמוניזם

דער ענד־ציל, צו וועלכן עס שטרעבט דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאַל, איז פארבייטן די אַלוועלטלאכע קאפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט אויף אַן **אַלוועלטלאכער סיסטעם פון קאָמוניזם**. די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, וועלכע ווערט צוגעגרייט דורך דעם גאנצן גאנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג, איז דער איינציקער אויסגאנג פאר דער מענטשהייט, ווייל נאָר זי וועט פארניכטן די ווידערשפּרוכן פון דער קאפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכע דראָט דער מענטשהייט מיט דעגראַדאַציע און אונטערגאנג.

די קאָמוניסטישע אָרדנונג פארניכטעט די טיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאסן, דאָס הייסט, צוזאמען מיט דער פארניכטונג פון דער פּראָדוקציע־אנארכיע פארניכטעט זי אַלע מינים און פאָרמען פון עקספּלואטאציע און אונטערדריקונג פון מענטשן דורך מענטשן. אויפן פּלאץ פון קעמפנדיקע קלאסן שטעלן זיך אוועק די מיטגלידער פון איין־איינציקער אַלוועלטלאכער ארבעטער־חברשאַפט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע נעמט די מענטשהייט איר גורל אין אירע אייגענע הענט. אנשטאָט צו פארניכטן אומצייליקע מענטשלאכע לעבנס און צאָללאָזן רייכטום אין די שלאכטן צווישן די קלאסן און פעלקער, ווענדט די מענטשהייט אָן איר ענערגיע אויף אַ קאמף מיט די קרעפטן פון דער נאטור, אויף אנטוויקלען און אויפהויבן איר אייגענע קאָלעקטיווע מאכט.

האָבנדיק פאַרניכטעט פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, האָבנדיק פאַרוואַנדלט זיי אין קאָלעקטיווע אייגנטום, פאַרבייט די אַלוועלטלאַכע סיסטעם פון קאָמוניזם די סטיכייאישע קראַפט פון דעם וועלט־מאַרק און קאָנקורענץ, דעם בלינדן גאַנג פון דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע פאַרבייט זי דורך זיין באַוואוסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווענדעט אויף צו באַפרידיקן די שנעל וואַקסנדיקע געזעלשאַפטלאַכע באַדערפענישן. צוזאַמען מיט דער פאַרניכטונג פון פּראָדוקציע־אַנאַרכיע און קאָנקורענץ ווערן פאַרניכטעט די פאַרוויסטנדיקע קריזיסן און נאָך מער פאַרוויסטנדיקע מלחמות. אַנטקעגן דער קאָלאָסאַלער פאַרשווענדונג פון פּראָדוקטיווע קרעפטן און דער קראַמפּהאַפטער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אַ פּלאַנמעסיקע פאַרוואַלטונג מיט אַלע אירע מאַטעריעלע רעסורסן און אַ שמערצלאָזע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אויפ׳ן באַזיס פון אַן אומבאַגרענצטען, האַרמאָנישן און שנעלן אויפשטייג פון די פּראָדוקטיווע כחות.

די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום און דאָס פאַרשווינדן פון די קלאַסן פאַרניכטן די עקספּלואַטאַציע פון מענטשן דורך אַנדערע מענטשן. די אַרבעט הערט אויף צו זיין אַרבעט פאַרן קלאַסן־שונא; זי הערט אויף צו זיין נאָר אַ מיטל צום לעבן און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין דער ערשטער און וויכטיקסטער לעבנס־באַדערפעניש; עס פאַרשווינדט אָרעמקייט, עס פאַרשווינדט עקאָנאָמישע אומגלייכהייט צווישן מענטשן, די אָרימקייט פון די פאַרשקלאַפטע קלאַסן, דער נעבאַכדיקער סטאַנדאַרד פון דעם מאַטעריעלן לעבן בכלל; עס פאַרשווינדט די היעראַרכיע פון די מענטשן ביי דער אַרבעטס־טיילונג און מיט איר צוזאַמען דער ווידערשפּרוך צווישן גייסטיקער און פיזישער אַרבעט; עס פאַרשווינדן, ענדלאַך, אַלע שפּורן פון סאָציאַלער אומגלייכהייט צווישן די געשלעכטער. דערמיט צוזאַמען פאַרשווינדן אויך די אָרגאַנען פון קלאַסן־הערשאַפט, קודם כל די מלוכה־מאַכט. זייענדיק אַ פאַרקערפּערונג פון קלאַסן־הערשאַפט, שטאַרבט זי אָפּ אין דער זעל־

ביקער מאָס, ווי עס שטאַרבן אָפּ די קלאַסן. מיט איר שטאַרבן ביסלאַכווייז אָפּ אויך אַלערליי פאָרמען פון צוואַנג.

דאָס פאַרשווינדן פון די קלאַסן ווערט באַגלייט דורך אַ פאַר־ניכטונג פון יעדער מאָנאָפּאָל אויף בילדונג. די קולטור ווערט דאָס אייגנטום פון אַלע, און די אַמאָליקע קלאַסן־אידעאָלאָגיעס טרעטן אָפּ דעם אָרט דער וויסנשאַפטלאַכער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אנשויאונג. אין אַזאַ לאַגע איז ניט מעגלאַך קיין שום הערשאַפט פון מענטשן איבער מענטשן און עס עפנט זיך אַן אויסערגעוויינלאַך ריזיק פעלד פאַר געזעלשאַפטלאַכן אויסוואַל און אַ האַרמאָנישער אנטוויקלונג פון אַלע פייאיקייטן, וואָס זיינען פאַרפלאַנצט אין דער מענטשהייט.

קיין שום גרענעצן פון אַ געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער ווערן דאָ ניט געשטעלט פאַר דעם וואוקס פון פּראָדוקטיווע קרעפטן. ניט פּריוואַט אייגנטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ניט די עגאָאיסטישע חשבונות פון פּראָפיטן, ניט די קינסטלאַך אָנגע־האַלטענע אומוויסנהייט פון די מאַסן, ניט זייער אָרעמקייט, וועל־כע פאַרהאַלט דעם טעכנישן פּראָגרעס אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ניט די ריזיקע אומפּראָדוקטיווע הוצאות עקזיסטירן ניט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. די צוועקמעסיקסטע אויסנוצונג פון די קרעפטן פון דער נאַטור און פון נאַטירלאַכע פּראָדוקציע־באַדינגונגען אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט; די פאַרניכטונג פון דעם געגנזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף — אַ געגנזאַץ וועלכער איז פאַרבונדן מיט אַ סיסטעמאַטישן אָפּשטיין פון דער לאַנד־ווירטשאַפט און מיט אַ נידעריקן צו־שטאַנד פון איר טעכניק; אַ מאַקסימאַלע פאַראייניקונג פון וויסנ־שאַפט און טעכניק, פון פאָרשונג־אַרבעט און איר פּראַקטישער אָנווענדונג אין דעם ברייטסטן געזעלשאַפטלאַכן מאַסשטאַב; אַ פּלאַנמעסיקע אָרגאַניזאַציע פון דער וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט גופא; די אָנווענדונג פון די פערפעקטסטע מעטאָדן פון סטאַ־טיסטישן חשבון און אַ פּלאַנמעסיקער ווירטשאַפטלאַכער רעגולי־רונג; די זייער שטאַרקע אינוויניקסטע באַוועג־קרעפטן פון דער גאַנצער סיסטעם — די שנעל וואַקסנדיקע געזעלשאַפטלאַכע באַ־

דערפּענישן, — דאָס אַלעס פאַרזיכערט אַ מאַקסימום פון פּראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט און פון זיין זייט באַפרייט עס די מענטשלאַכע ענערגיע פאַר אַ מעכטיקן וואוקס פון וויסנשאַפט און קונסט.

די אַנטוויקלונג פון פּראָדוקטיווע כחות פון דער אַלוועלטלאַכער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט גיט אַ מעגלאַכקייט אויפצוהייבן דעם וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער מענטשלאַכער מאַסע און מאַקסימאַל צו פאַרקיצן די צייט, וואָס זי גיט אָפּ פאַר מאַטעריעלער פּראָדוקציע, ד. ה. אַ מעגלאַכקייט פאַר אַזאַ קולטור־אויפבלי, וואָס מען האָט אַזוינס נאָך ניט געזען אין דער געשיכטע. אָט די נייע קולטור פון אַ מענטשהייט, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַראייניקט, פון אַ מענטשהייט וואָס האָט פאַרניכטעט אַלע מעגלאַכע מלוכה־גרענעצן, וועט, אין קעגנזאַץ פון קאַפּיטאַליזם, זיך שטיצן אויף קלאָרע און דורכזיכטיקע פאַרהעלטנישן צווישן די מענטשן. דעריבער וועט זי אויף אייביק באַגראָבן יעדע מיסטיק, רעליגיע, אַבערגלויבן און פאַלשע פאָרשטעלונגען און וועט געבן אַ מעכטיקן שטויס דער אַנטוויקלונג פון דעם אַל־באַזיגנדיקן וויסנשאַפטלאַכן באַוואוסטזיין.

אָט די ה ע כ ע ר ע סטאַדיע פון קאָמוניזם, ווען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט האָט זיך שוין אַנטוויקלט אויף איר אייגענער באַזע, ווען צוזאַמען מיט דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון די מענטשן זיינען אין אַ ריזיקער מדרגה אויסגעוואַקסן אויך די געזעלשאַפטלאַכע פּראָדוקטיווע קרעפטן, ווען די געזעלשאַפט האָט שוין אָנגעשריבן אויף איר פאָן: „פון יעדן לויט זיינע פייאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפעניש!" זעט פאָראויס ווי איר היסטאָרישע פאָרבאַדינגונג אַ נידעריקערע סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, ד י ס ט אַ ד י ע פ ו ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם. דאָ גייט די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט ערשט נאָר אַרויס פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זי גייט אַרויס אַ באַדעקטע אין אַלע הינזיכטן — עקאָנאָמיש, מאָראַליש, גייסטיק, — מיט די געבורטפלעקן פון דער אַלטער געזעלשאַפט, פון וועמעס שויס זי ווערט געבוירן. די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון סאָציאַליזם זיינען נאָך

ניט געגוג אַנטוויקלט צו פאַרזיכערן די פאַרטיילונג פון די אַר־בעט־פּראָדוקטן לויט די באַדערפעניש: זיי ווערן פאַרטיילט לויט דער אַרבעט. די אַרבעט־טיילונג, ד. ה. די פאַרפעסטיגונג פון באַשטימטע אַרבעט־פונקציעס פאַר באַשטימטע גרופּן פער־זאָנען, איז נאָך ניט אויסגעלעבט, בפרט איז נאָך ניט פאַרניכ־טעט אין גרונט דער קעגנזאַץ צווישן גייסטיקער און פיזישער אַרבעט. ניט געקוקט אויף דער פאַרניכטונג פון די קלאַסן, זיינען נאָך דאָ רעשטן פון דער מלוכה־מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט, רעשטן פון צוואַנג, פון רעכט. ד. ה. עס בלייבן געוויסע שפּורן פון אומגלייכהייט, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצושטאַרבן. עס איז נאָך נישט פאַרניכטעט און נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט דער קעגנזאַץ צווישן שטאָט און דאָרף. אָבער אָט די אַלע רעשטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט ווערן ניט פאַרטיידיקט און עס ווערט פאַר זיי ניט געקעמפט דורך וועלכער ניט איז געזעלשאַפטלאַכער קראַפט. זייענדיג פאַרבונדן מיט אַ געוויסן צושטאַנד אין דער אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, פאַרשווינדן זיי אין דער זעלביקער מאָס אין וועלכער די מענטשהייט, אַ באַפרייטע פון די קייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואַרפט אונטער אונטער איר הערשאַפט מיט אַ שנעלן טעמפּ די קרעפטן פון דער נאַטור, זי איבערדערציט זיך אַליין אינם גייסט פון קאָמוניזם און גייט איבער פון סאָציאַליזם **צו פולן קאָמוניזם.**

IV

דער איבערגאַנג־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם און די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט

1. דער איבערגאַנג־פּעריאָד און די ערשט קאַנגרעסן. פון מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט

צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער געזעל־שאַפט ליגט דער פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערער פאַרוואַנדלונג פון איינס אינם אַנדערן. צו אָט דעם פּעריאָד איז צוגעפּאַסט אויך אַ פּאָליטישער איבערגאַנג־פּעריאָד, אין וועלכן די מלוכה קען ניט זיין קיין אַנדער זאַך נאָר אַ *רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט*. דער איבערגאַנג פון דער אַלוועלטלאַכער דיקטאַטור פונם אימפּעריאַליזם צו דער אַלוועלטלאַכער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, כאַפּט אַרום אַ לאַנגן פּעריאָד פונם קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט, זיינע מפּלות און נצחונות; אַ פּעריאָד פון אַ פאַרטגע־זעצטן אַלגעמיינעם קריזיס פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען און פון דעם אָנוואַקסן פון סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס, ד. ה. בירגער־קריגן פון דעם פּראָלעטאַריאַט קעגן דער בורזשואַזיע, אַ פּעריוד פון נאַציאָנאַלע מלחמות, פון קאָלאָניאַלע אויפשטאַנדן, וועלכע, ניט זייענדיק אַן און פאַר זיך קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונגען פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, ווערן זיי אָביעקטיוו אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אַלוועלטלאַכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אויף וויפיל זיי גראָבן אונטער די הערשאַפט פון אימפּעריאַליזם; אַ פּעריאָד וועלכער שליסט איין די גלייכ־צייטיקע עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַליסטישע און סאָציאַליסטישע גע־

זעלשאַפטלאַך־עקאָנאָמישע סיסטעמען אינוויייניק אין דער וועלטווירטשאַפט, זייערע „פרידלאַכע” באַציאונגען און באַוואַפנטן קאַמף ; אַ פּעריאָד ווען עס ווערן געבילדעט פאַרבאַנדן פון סאָציאַליסטישע סאָוועטישע מלוכות, אַ פּעריאָד ווען די אימפּעריאַליסטישע מלוכות האַלטן מלחמה קעגן זיי, אַ פּעריאָד ווען זיי פאַרבינדן זיך אַלץ איינגער מיט די קאָלאָניאַלע פעלקער א. אז. וו.

די אומגלייכמעסיקייט פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג איז אַן אומבאַדינגטער געזעץ פון קאַפּיטאַליזם. אָט די אומגלייכמעסיגקייט ווערט נאָך מער פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם. דערפון קומט אַרויס, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט קען ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַ גלייכצייטיקער אַקט, וועלכער קומט פאָר אומעטום און מיט אַמאָל. דערפון קומט אַרויס, אַז עס איז מעגלאַך דער זיג פון סאָציאַליזם לכתחילה אין עטלאַכע און אפילו אין איין קאַפּיטאַליסטישן לאַנד באַזונדער. אָבער יעדער אַזעלכער זיג פונם פּראָלעטאַריאַט ברייטערט אויס די באַזע פון דער וועלט־רעוואָלוציע און פּאָלגליך פאַרשאַרפט ער נאָך דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם. אויף אַזאַ אופן קומט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אינגאַנצן צו איר ענדגילטיקן צוזאַמענברוך. די דיקטאַטור פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל קומט אום, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

אויב די בורזשואַזע רעוואָלוציעס האָבן באַדייט נאָר די פּאָליטישע באַפרייאונג פון אַ שוין אויסגעבילדעטער און עקאָנאָמיש הערשנדיקער סיסטעם פון פּראָדוקציע־באַדינגונגען און האָבן איבערגעגעבן די מאַכט פון די הענט פון איין קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס אין די הענט פון אַן אַנדער קלאַס עקספּלואַטאַטאָרס, באַדייט די רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט אַ געוואַלטזאַם אַריינדרינגען פון דעם לעצטן אינם געביט פון פאַרמעגן־באַציאונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, אַן עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן און אַן איבערגאַנג פון מאַכט צו אַ קלאַס, וועלכער שטעלט זיך פאַר

אַן אויפגאַבע גרינטלאַך איבערצובויען דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט און פאַרניכטן יעדע עקספּלואַטאַציע פון אַ מענטשן דורך אַ מענטשן. פונדעסטוועגן, אויב די בורזשואַזע רעוואָלוציעס האָבן נאָר אין משך פון יאָרהונדערטער געמאַכט אַ סוף צו דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די פעאָדאַלע יחסנים איבער דער גאַנצער וועלט, ברעכנדיק אָט די הערשאַפט אין אַ רייע באַזונדערע רעוואָלוציעס, וועט די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט, ניט זייענדיק קיין איינציקער אַקט, און אַרומכאַפּנדיק אַ גאַנצע עפּאָכע, פונדעסטוועגן קענען, אַ דאַנק דער איינגערער פאַרבינדונג צווישן די לענדער, לייזן איר אויפגאַבע אין אַ קירצערער צייט. ערשט נאָכדעם ווען עס וועט פאַרקומען דער אַלוועלטליכער זיג פונם פּראָלעטאַריאַט און עס וועט פאַרפעסטיקט ווערן זיין אַלוועלטלאַכע מאַכט, וועט קומען אַ לאַנגע עפּאָכע פון פאַרשטאַרקטן בויען די אַלוועלטלאַכע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט

די ערָאבערונג פון דער מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט איז אַ פאָרבאַדינגונג פאַר דעם וואוקס פון די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־פאָרמען און פאַר דעם קולטורעלן וואוקס פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער מאַכט איבער זיין אייגענע נאַטור, וועלכער צייטיגט זיך צו ווערן אַ פירער פון דער געזעלשאַפט אויף אַלע געביטן פון לעבן, וועלכער ציט אַריין אין אָט דעם איבעראַרבעטונג פּראָצעס די איבעריקע קלאַסן און דערמיט גופא באַשאַפט ער אַ באָדן פאַר גובר זיין די קלאַסן אין אַלגעמיין.

אין דעם קאַמף פאַר דעם דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער איבעראַרבעטונג פון דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, וואָס פאָלגט נאָך דער דיקטאַטור, ווערט אָרגאַניזירט אַנטקעגן אַ בלאָק פון די פריצים און קאַפּיטאַליסטן אַ **פאַרבאַנד פון אַרבעטער און פּויערים** אונטער דער אידייאישער און פּאָליטישער העגעמאָניע פון די ערשטע, אַ פאַרבאַנד, וועלכער איז די באַזע פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער איבערגאַנג־פּעריאָד אין גרויסן און גאַנצן איז כאַראַק־

טערייזירט דורך אַן אומדערבאַרמדיקן אונטערדריקן יעדן ווידערשטאַנד פון די עקספּלואַטאַטאָרס, דורך דער אָרגאַניזאַציע פון דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, דורך אַ מאַסן איבעראַרבעטונג פון מענטשן אינם גייסט פון סאָציאַליזם, דורך אַ בהדרגה'דיקן גובר זיין די קלאַסן. נאָר אין דער מאָס ווי עס ווערן אויסגעפירט אָט די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן, הויבט אָן די געזעלשאַפט פון דעם איבערגאַנג־פּעריאָד צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

די נויטווענדיקסטע און אַנטשיידנדיקע פאָרבאַדינגונג פאַרן איבערגאַנג פון דער אַלוועלטלאַכער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט איז, אויף אַזאַ אופן, *די דיקטאַטור פונם אַלוועלטלאַכן פּראָלעטאַריאַט*. אָט די דיקטאַטור קען רעאַליזירט ווערן נאָר אַלס רעזולטאַט פונם זיג פון סאָציאַליזם אין איינצלנע לענדער, אָדער גרופּעס פון לענדער, ווען די ניי־געבילדעטע פּראָלעטאַרישע רעפּובליקן טרעטן אַריין אין אַ פעדעראַטיוון בונד מיט די שוין עקזיסטירנדיקע, ווען די נעץ פון אָט די פעדעראַטיווע פאַראייניגונגען וואַקסט, אַריינגעמענדיק אין זיך אויך די קאָלאָניעס, וועלכע באַפרייען זיך פונם יאָך פון אימפּעריאַליזם; ווען אַ פעדעראַציע פון אַזוינע רעפּובליקן ווערט סוף כל סוף *אַ פאַראַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פון דער וועלט*, וועלכער פאַרווירקלאַכט די פאַראייניגונג פון דער מענטשהייט אונטער דער העגעמאָניע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן, מלוכיש־אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט.

די ערָאָבערונג פון מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין פרידלאַכע „ערָאָבערונג" פון אַ פאַרטיקער בורזשואַזער מלוכה־מאַשין דורך באַקומען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע מערהייט. די בורזשואַזיע ווענדט אָן אַלע מיטלען פון געוואַלד און טעראָר צו שיצן און שטאַרקן איר רויבערישע אייגנטום און איר פּאָליטישע הערשאַפט. די בורזשואַזיע, ווי אַמאָליקע יאָרן דער פעאָדאַלער אַדעל, קען ניט אָפּטרעטן איר היסטאָרישן

פלאַץ דעם נייעם קלאַס אָן דעם פאַרצווייפלטסטן און וואוטיקסטן קאַמף. דעריבער קען די געוואַלד פון דער בורזשואַזיע געבראָכן ווערן נאָר דורך דער שטרענגער געוואַלד פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. די איבערבערונג פון מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט איז דאָס געוואַלדזאַמע אומוואַרפן פון דער בורזשואַזער מאַכט, די צעשטערונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מלוכה־אַפּאַראַט (בורזשואַזע אַרמיי, פּאָליציי, ביוראָקראַטישע היעראַרכיע, געריכט, פּאַרלאַמענט א. א. וו.) און אים פאַרבייטן דורך נייע אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, וועלכע זיינען קודם כל א געצייג פון אונטערדריקן די עקספּלואַטאַטאָרס.

2. דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און איר סאָוועטישע פאָרמע

די צוועקמעסיקסטע פאָרמע פון פּראָלעטאַרישער מלוכה־מאַכט איז, ווי עס האָט געוויזן די דערפאַרונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 און פון דער אונגאַרישער רעוואָלוציע, א דערפאַרונג וועלכע האָט ריזיק אויסגעברייטערט די דערפאַרונג פון דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871, א נייער טיפּ מלוכה, וועלכער איז פּרינציפּיעל פאַרשיידן פון דער בורזשואַזער מלוכה, ניט נאָר לויט זיין קלאַסן־וועזן, נאָר אויך לויט זיין אינווייניקסטער סטרוקטור, נעמלאַך — דער טיפּ פון א סאָוועטישער מלוכה. גראָד אָט דער טיפּ, וועלכער וואַקסט אוממיטלבאַר ארויס פון דער ברייטסטער מאַסן־באַוועגונג פון די האַרעפּאַשניקעס, פאַרזיכערט די גרעסטע אַקטיוויטעט פון די מאַסן און, פאָלגלאַך, די גרעסטע גאַראַנטיעס פון אַן ענדגילטיקן זיג.

א מלוכה פון סאָוועטישן טיפּ, זייענדיק די העכסטע פאָרמע פון דעמאָקראַטיע, נעמלאַך א פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, איז אין שאַרפן געגנזאַץ צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א פאַרמאַסקירטע פאָרמע פון בורזשואַזער דיקטאַטור. די סאָוועטישע מלוכה פונם פּראָלעטאַריאַט איז זיין דיקטאַטור, די אַליין־הערשאַפט פון זיין קלאַס. אין געגנזאַץ צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, אַנער־

קענט זי אפן איר קלאסן־כאראקטער, זי שטעלט אפן פאר איר אויפגאבע צו אונטערדריקן די עקספלואטאטארס אין די אינטערעסן פון דער ריזיקער מערהייט פון דער באפעלקערונג. זי נעמט צו ביי אירע קלאסן־שונאים די פאליטישע רעכט און זי קען, אין באזונדערע היסטאריש אויסגעבילדעטע באדינגונגען, געבן א ריי צייטווייליקע פריווילעגיעס דעם פראלעטאריאט מיטן צוועק צו פארפעסטיקן זיין פירנדיקע ראלע אין פארגלייך מיט דעם צעשטויבטן קליינבירגערלאכן פויערטום. אנטוואפענענדיק און אונטערדריקנדיק זיינע קלאסן־געגנער, קוקט די פראלעטארישע מלוכה אויף אט דעם צונעמען פאליטישע רעכט און אויף א געוויסער באגרענעצונג פון פרייהייט ווי אויף צייטווייליקע קאמפס־מיטלען קעגן די פראבעס פון די עקספלואטאטארס צו פארטיידיקן אדער צוריק־אויפשטעלן זייערע פריווילעגיעס. זי שרייבט אויף איר פאן, אז דער פראלעטאריאט האלט אין זיינע הענט די מאכט ניט כדי זי צו פאראייביקן, ניט ווייל ער גייט ארויס פון זיינע פאך־אינטערעסן אדער שמאל־פראפעסיאנעלע אינטערעסן, נאר כדי אלץ מער צו פאראייניקן די אפגעשטאנענע און צעשטויבטע מאסן דארפישע פראלעטאריער און האלב־פראלעטאריער, ווי אויך די הארעפאשנע פויערים מיט די פארטגעשריטנסטע שיכטן פון די ארבעטער, בהדרגה׳דיק און סיסטעמאטיש גובר זייענדיק די קלאסן־טיילונג בכלל. זייענדיק די אלאומפאסנדיקע פארמע פון פאראייניקן און ארגאניזירן די מאסן אונטער דער פירערשאפט פונ׳ם פראלעטאריאט, ציען די סאוועטן אין דער פראקטיק אריין אין דעם קאמף און דעם אויפבוי פון סאציאליזם די ברייטסטע מאסן פון פראלעטאריער, פויערים און אלע הארעפאשניקעס, זיי ציען זיי אריין אין דער פראקטיק אין דער ארבעט פון פארוואלטן די מלוכה, זיי שטיצן זיך אין זייער גאנצער ארבעט אויף די מאסן־ארגאניזאציעס פונם ארבעטער־קלאס, זיי פארווירקלאכן א ברייטע דעמאקראטיע אינווייניק צווישן די הארעפאשניקעס, זיי שטייען אן אן ערך נאענטער צו די מאסן ווי יעדע אנדערע פארמע פון מאכט. דאס רעכט פון ווידערוויילן דעלעגאטן, דאס רעכט פון צוריקרופן זיי, די פאר־

אייניקונג פון עקזעקוטיוו־מאַכט מיט געזעץ־געבערישער מאַכט,
וואַלן ניט לויט דעם טעריטאָריאַלן, נאָר לויט דעם פּראָדוקציע־
פּרינציפּ (פון פאַבריקן, שעפער, און אז. וו.) — דאָס אַלץ פאַר־
זיכערט פאַרן אַרבעטער־קלאַס און די ברייטע מאַסן פון האָרע־
פאַשניקעס, וועלכע גייען אונטער זיין העגעמאָניע, אַ סיסטעמאַ־
טישן, אומאויפהערלאַכן און אַקטיוון אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפט־
לאַכע ענינים — ווירטשאַפטלאַכע, אַלגעמיין־פּאָליטישע, מילי־
טערישע און קולטורעלע, — און דערמיט גופא פירט עס דורך אַ
שאַרפן אונטערשייד צווישן אַ בורזשואַז־פּאַרלאַמענטאַרישער רע־
פּובליק און אַ סאָוועטישער דיקטאַטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט.

די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, מיט איר פאָרמעלער גלייכהייט
פון די בירגער פאַרן געזעץ, שטיצט זיך אויף שרייענדיקער
קלאַסן־אומגלייכהייט אויפן מאַטעריעל־עקאָנאָמישן געביט. לאָזנדיק
אינגאַנצן אומבאַרירט, פאַרטיידיקנדיק און פאַרפעסטיקנדיק די
מאָנאָפּאָל פונם קלאַס קאַפּיטאַליסטן און גרויסע ערד־אייגנטימער
אויף די אנטשיידנדיקע פּראָדוקציע־מיטלען, פאַרוואַנדלט דערמיט
גופא די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע פאַר די עקספּלואַטירטע קלאַסן,
קודם כל פאַרן פּראָלעטאַריאַט, די פאָרמאַלע גלייכהייט פאַרן
געזעץ, די דעמאָקראַטישע רעכט און פרייהייטן, וועלכע ווערן אין
דער פּראַקטיק סיסטעמאַטיש באַגרענעצט, אין אַ יורידישע פיקציע
און, פּאָלגלאַך, אין אַ מיטל אָפּצונאַרן און פאַרשקלאַפן די מאַסן.
אויסדריקנדיק די פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע, איז
די אַזוי־גערופענע דעמאָקראַטיע דעריבער אַ קאַפּיטאַליסטישע
דעמאָקראַטיע. צונעמענדיק ביי די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן די
פּראָדוקציע־מיטלען און מאָנאָפּאָליזירנדיק אָט די פּראָדוקציע־
מיטלען אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט אַלס הערשנדיקער
קלאַס, גאַראַנטירט די סאָוועטישע מלוכה פריער פאַר אַלץ די מאַ־
טעריעלע **באַדינגונגען פאַר דער פאַר־
ווירקלאַכונג** פון די רעכט פונם אַרבעטער־קלאַס
און די האָרעפּאַשניקעס בכלל, פאַרזיכערנדיק פאַרן אַרבעטער־
קלאַס הייזער און געזעלשאַפטלאַכע בנינים, דרוקערייען, טראַנס־
פּאָרט־מיטלען און אז. וו.

צונעמענדיק די אַלגעמיין־פּאָליטישע רעכט ביי די פיינט פונם פאָלק און עקספּלואַטאַטאָרס, פאַרניכטעט די סאָוועטישע מלוכה אויפן געביט פון *אַלגעמיין־פּאָליטישע רעכט* צום ערשטן מאָל די אומגלייכקייט פון בירגער, וועלכע, אונטער די עקספּלואַטאַטאָרישע סיסטעמען, איז געגרינדעט אויף אונ־טערשיידן פון געשעלכט, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט; זי שטעלט איין אויף דעם געביט אַזאַ גלייכהייט, וועלכע איז ניט דורכגע־פירט אין קיין איינציקן בורזשואַזן לאַנד; אין דער זעלביקער צייט בויט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט דאָ אויך אומאויפ־הערלאַך א מאַטעריעלן באַזיס, וועלכער ערלויבט צו רעאַליזירן אַט די גלייכהייט אין דער פּראַקטיק; אַזוי זיינען די מאַסמיטלען, וואָס באַפרייען די פרוי, וואָס העלפן אינדוסטריאַליזירן די גע־וועזענע קאָלאָניעס און אַז. וו.

די סאָוועטישע דעמאָקראַטיע איז, אויף אַזאַ אופן, אַ פּראָלעטאַרישע דע־מאָקראַטיע, אַ דעמאָקראַטיע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, אַ דעמאָקראַטיע קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס.

די סאָוועטישע מלוכה פירט דורך אַ פולע אנטוואָפענונג פון דער בורזשואַזיע און אַ קאָנצענטראַציע פון געווער אין די הענט פונם פּראָלעטאַריאַט; זי איז אַ מלוכה פון דעם *באַוואָפנטן פּראָלעטאַריאַט*. די אָרגאַניזאַציע פון די באַוואָפנטע קרעפטן ווערט דאָ געבויט אויף דער באַזע פונם קלאַסן־פּרינציפּ, וועלכער איז צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער אָרדנונג פון פּראָלעטאַ־רישער דיקטאַטור און וועלכער פאַרזיכערט די פירנדיקע ראָלע פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. אַט די אָרגאַניזאַציע, גע־שטיצט אויף רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין, פאַרזיכערט אין דער זעלביקער צייט אַ שטענדיקע און זייער ענגע פאַרבינדונג צווישן די שטרייטער פון דער רויטער ארמיי און פלאָט מיט די האָרע־פּאַשנע מאַסן, זייער אנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון דער מלוכה און אין דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם.

3. דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט און די עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרס

דער זיגרייכער פראָלעטאַריאַט נוצט אויס די עראָבערטע מאַכט ווי א *הויב-געצייג פון עקאָנאָמישער איבערקערענש*, דאָס הייסט, רעוואָלוציאָנערער פאַרוואַנדלונג פון די פאַרמעגן-באַציאונגען פון קאַפּיטאַליזם אין די באַציאונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע מעטאָדע. דער אויסגאַנגס-פּונקט פון אָט דער גרעסטער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע איז די עקספּראָפּריאַציע פון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, ד. ה. פאַרוואַנדלונג פון *מאָנאָפּאָליסטישן אייגנטום פון דער בורזשואַזיע אין אן אייגנטום פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה.*

אויף דעם געביט שטעלט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַרויס די פאָלגנדיקע פונדאַמענטאַלע אויפגאַבן פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור:

א) *אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, פאַרבינדונגס-מיטלען.*

א. קאָנפיסקאַציע און פּראָלעטאַרישע נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (פאַבריקן, זאַוואָדן, גרובן, עלעקטרא-סטאַנציעס), וועלכע געפינען זיך אין די הענט פונם פּריוואַט-קאַפּיטאַל; דערביי דאַרפן איבערגיין אין די הענט פון די סאָוועטן אַלע מלוכישע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען.

ב. קאָנפיסקאַציע און פּראָלעטאַרישע נאַציאָנאַליזאַציע פון פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישן אייזנבאַן-, אויטאָמאָביל- און וואַסער-טראַנספּאָרט, ווי אויך די מיטלען פון לופט-טראַנספּאָרט (דער האַנדלס- און פּאַסאַזשירן- לופט-פלאָט), דערביי דאַרפן איבערגיין אין די הענט פון די סאָוועטן דאָס מלוכישע און קאָמונאַלע אייגנטום אויף טראַנספּאָרט-מיטלען פון אַלע סאָרטן.

ג. קאָנפיסקאַציע און פּראָלעטאַרישע נאַציאָנאַליזאַציע פון

די פריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע פאַרבינדונגס־מיטלען (טעלעגראַף, טעלעפאָן, ראַדיאָ); דאַבײַ דאַרפן איבערגײן אין די הענט פון די סאָוועטן די מלוכישע, מוניציפּאַלע און אַז. וו. פאַרבינדונגס־דינסט.

ד. אָרגאַניזאַציע פון אַן אַרבעטער־פאַרוואַלטונג איבער דער אינדוסטריע. שאַפונג פון מלוכישע פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען מיט דעם נאָענטסטן אָנטייל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען אין דער אַרבעט פון אָט דער פאַרוואַלטונג. אַ גאַראַנטיע פון אַן אָנט־שפּרעכנדיקער ראָלע פון פאַבריק־ און שאַפּ־קאָמיטעטן.

ה. איבערפירן די אַרבעט פון דער אינדוסטריע אויף צו דינען די באַדערפענישן פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן. רעאָר־גאַניזאַציע פון אינדוסטריע־צווײַגן, וועלכע האָבן געדעקט די באַדערפענישן פון די הערשנדיקע קלאַסן (לוקסוס־זאַכן א. אַז. וו.). פאַרשטאַרקן די אינדוסטריע־צווײַגן, וועלכע העלפן אויפהויבן די לאַנדווירטשאַפט, מיט דעם צוועק צו פאַרפעסטיקן דעם צוזאַמענ־שלוס מיט דער פויערשער ווירטשאַפט, גאַראַנטירנדיק דעם אויפ־שטײַג פון מלוכה־עקאָנאָמיעס און פאַרשנעלערנדיק דעם טעמפּאָ פון אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער פאָלקס־ווירטשאַפט בכלל.

ב) לאַנדווירטשאַפט.

א. קאָנפיסקאַציע און פּראָלעטאַרישע נאַציאָנאַליזאַציע פון דעם גאַנצן גרויסן ערד־אײגנטום אין שטאָט און אין דאָרף (ווי פּריוואַטן, אַזוי אויך קירכלאַכן, מאָנאַסטירישן און אַז. וו.). דערבײַ דאַרפן איבערגײן אין די הענט פון די סאָוועטן די מלוכישע און מיניציפּאַלע ערד־אײגנטום, אַרײַנגערעכנט די וואַלד־פאָנדן, די געדערים פון דער ערד, די וואַסערן און אַז. וו. מיט דעם תּנאַי, אַז די גאַנצע ערד זאָל נאָכדעם נאַציאָנאַליזירט ווערן.

ב. קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פּראָדוקטיווע פאַרמעגן פון די גרויסע ערד־מאַיאָנטקעס, ווי בנינים, מאַשינען און אַנדערער אינ־ווענטאַר, בהמות, אונטערנעמונגען אויף צו באַאַרבעטן די לאַנד־ווירטשאַפטלאַכע פּראָדוקציע (גרויסע מילן, קעז־פאַבריקן, מילך־אַנשטאַלטן, אונטערנעמונגען צום טריקענען פרוכט און אַז. וו.).

ג. איבערגעבן די גרויסע מאַיאָנטקעס, דערהויפּט אזוינע, וועלכע האָבן אַ ווירטשאַפטלאַך־דעמאָנסטראַטיווע באַדייטונג אָדער אַ גרויסן עקאָנאָמישן ווערט, אין דער פאַרוואַלטונג פון ארגאַנען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור; אָרגאַניזאַציע פון סאָוועטישע ווירטשאַפטן.

ד. איבערגעבן אַ טייל פון די געוועזענע פּריצישע און אַנ־דערע קאָנפיסקירטע ערדן, דערהויפּט דאָרט, וואו די דאָזיקע ערדן זיינען באַארבעט געוואָרן דורך די פויערים אויף דער באַזע פון רענט און האָבן געדינט פאַר אַ מיטל פון עקאָנאָמישער פאַר־שקלאַפונג פון דעם פויערטום, צו דעם פויערטום אויף צו נוצן (צו זיינע אָרימע און טיילווייז מיטעלע שיכטן). דער חלק ערדן, וועלכער ווערט איבערגעגעבן דעם פויערטום, ווערט באַשטימט סיי דורך ווירטשאַפטלאַכער צוועקמעסיקייט, סיי דורך דער נויטווענ־דיקייט צו נייטראַליזירן דאָס פויערטום און אים אַריבערציען אויף דער זייט פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט; ער דאַרף אומפאַרמיידלאַך זיין פאַרשיידן לויט די פאַרשיידענע באַדינגונגען.

ה. מיטן צוועק איינצוהאַלטן די ערד פאַרן פויערטום און מיטן צוועק צו קעמפן קעגן דעם איבערגאַנג פון אָט דער ערד אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטן, אויפקויפער, און אַז. וו. ווערט פאַר־באָטן יעדער קויף און פאַרקויף פון ערד. אַנטשיידנדיקער קאַמף קעגן די וואָס זיינען עובר אויף אָט דעם געזעץ.

ו. קאַמף קעגן וואוכעריי. פאַרניכטונג פון אַלע וואוכערישע אָפּמאַכן. אַראָפּנעמען די חובות פון די עקספּלואַטירטע שיכטן פונם פויערטום. באַפרייען די אָרימסטע שיכטן פון די פויערים פון שטייערן און אַז. וו.

ז. ברייטע מלוכישע מאָס־מיטלען אויף אויפצוהויבן די פּראָ־דוקטיווע קרעפטן פון דער לאַנדווירטשאַפט: אַנטוויקלונג פון דער דאָרפישער עלעקטריפיקאַציע, טראַקטאָר־בויאונג, פּראָדוקציע פון כעמישער באַמיסטיקונג, פּראָדוקציע פון ריינסטע סאָרטן זאָמען און גוטע סאָרטן פי אין די סאָוועטישע מאַיאָנטקעס, אַ ברייטע אַנט־וויקלונג פון מעליאַראַטיוון לאַנדווירטשאַפטלאַכן קרעדיט אַ. אַז. וו.

ח. שטיצע און פינאַנסירונג פון דער דאָרפישער קאָאָפּעראַציע

און פון אַלע פאָרמען פון קאָלעקטיווער פּראָדוקציע אין דאָרף (געזעלשאַפטן, קאָמונעס, און אַז. וו.). סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר א קאָאָפּעראַטיווער פאַראייניקונג פון דעם פויערטום (קאָאָפּעראַציע אויפן געביט פון אָרגאַניזירן דעם פאַרקויף, די פאַרזאָרגונג מיט פּראָדוקטן דעם קרעדיט) אויף דעם באַזיס פון א זעלבסט־טעטיקייט פון דער פויערישער מאַסע און א פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם איבערגאַנג צו גרויסע פאָרמען פון לאַנדווירטשאַפטלאַכער פּראָדוקציע, וואָס דאָס מאַכט לייכטער — א דאַנק די אומבאַצווייפלטע טעכנישע און עקאָנאָמישע פאָרצוגן פון דער גרויס־ווירטשאַפט — סיי די גרעסטע אוממיטלבאַרע עקאָנאָמישע נוץ, סיי די מעטאָדע פון איבערגאַנג צום סאָציאַליזם, וועלכע איז אַמצוגענגלאַכסטן צו די ברייטסטע מאַסן פון די האָרעפּאַשנע פויערים.

ג) האַנדל און קרעדיט.

א. פּראָלעטאַרישע נאַציאָנאַליזאַציע פון די בענק (וואָס דער־ביי דאַרף איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה דער גאַנצער גאָלד־רעזערוו, ווערט־פּאַפּירן, דעפּאָזיטס א. אז. וו.) און אַן איבערגאַנג אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה פון די מלוכישע, מוניציפּאַלע און אַנדערע בענק.

ב. צענטראַליזאַציע פון דעם גאַנצן באַנק־געשעפט, און אונטערוואַרפונג פון אַלע נאַציאָנאַליזירטע גרויסע בענק אונטער א צענטראַלן מלוכה־באַנק.

ג. נאַציאָנאַליזאַציע און איבערגאַנג אין די הענט פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער מלוכה פון האָלסייל האַנדל און גרויסע ריטייל האַנדל־אונטערנעמונגען (ווערהייזער, עלעווייטאָרס, מאַגאַזינען, סחורה־רעזערוון און אַז. וו.).

ד. יעדע מעגלאַכע דערמונטערונג און הילף פאַר דער געברויך־קאָאָפּעראַציע אַלס דער וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דעם פאַרטיילונגס־אַפּאַראַט; דערביי דאַרף דאָס זיין געבויט אויפן באַזיס פון אייניקייט אין דער סיסטעם פון אַרבעט און דער זעלבסט־טעטיקער אַנטייל פון די מאַסן אין איר אויפבוי דאַרף זיין געזיכערט.

ה. מאָנאָפּאָל פון אויסן־האַנדל.

ו. אַנולירונג (אָפּשאַפונג) פון אַלע מלוכה־חובות וואָס מען איז שולדיק אויסלענדישע און היימישע קאַפּיטאַליסטן.

ד) אַרבעטס־שוץ, לעבנס־שטייגער און אַז. וו.

א. קירצונג פון דעם ארבעטס־טאָג ביז 7 שעה און ביז 6 שעה אין אַזוינע פאַכן, וואָס זיינען באַזונדערס שעדלאַך פאַרן געזונט פון די ארבעטער. ווייטערדיקע פאַרקירצונג פון דעם ארבעטס־טאָג און איבערגאַנג צו 5 טאָגיקער ארבעטס־וואָך אין די לענדער מיט אַנטוויקלטע פּראָדוקטיווע קרעפטן. רעגולירונג פונם ארבעטס־טאָג אין הסכם מיטן וואוקס פון פּראָדוקטיווע קרעפטן.

ב. פאַרבאָט בדרך כלל פון נאַכט־ארבעט און פון ארבעט אין באַזונדערס שעדלאַכע פאַכן פאַר אַלע פּערזאָנען פון ווייבלאַכן געשלעכט. פאַרבאָט פון קינדער־ארבעט. פאַרבאָט פון ארבעטן איבער־שטונדן.

ג. באַזונדערע פאַרקירצונג פונם ארבעטס־טאָג פאַר דער יוגנט (אַ מאַקסימאַלער 6־שטונדיקער ארבעטס־טאָג פאַר דער יוגנט ביז 18 יאָר). אַ סאָציאַליסטישע רעאָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט־ארבעט דורך פאַראייניקן מאַטעריעלע פּראָדוקציע מיט אַלגעמיינער און פּאָליטישער דערציאונג.

ד. סאָציאַלע פאַרזיכערונג פון אַלע סאָרטן (אינוואַלידן, אַלט־קייט, אומגליקס־פאַלן, ארבעטסלאָזיקייט און אַז. וו.) אויפ'ן באַזיס פון פולער פאַרוואַלטונג פון די פאַרזיכערטע און אויפן חשבון פון דער מלוכה (אויך אויפן חשבון פון די אונטערנעמער, אויף וויפיל עס זיינען נאָך געבליבן פּריוואַטע אונטערנעמונגען).

ה. ברייטע סאַניטאַרישע מאַס־מיטלען, ארגאַניזאַציע פון פרייער מעדיצינישער הילף, קאַמף קעגן סאָציאַלע קראַנקהייטן (אַל־קאָהאָליזם, ווענערישע קראַנקהייטן, טובערקולאָז).

ו. סאָציאַלע גלייכשטעלונג פון דער פרוי מיטן מאַן פאַרן געזעץ און אין געוויינטלאַכן לעבן, אַ גרינטלאַכער איבערבוי פון דעם חתונה־ און פאַמיליען־רעכט, אַנערקענונג פון דער מוטערשאַפט אַלס סאָציאַלע פונקציע, שוץ פון מוטערשאַפט און זויג־קינדהייט.

די געזעלשפט הייבט אָן פארווירקלאכן דאָס ניאַנטשן קינדער און זאָרגן פאר דער יוגנט און זייער דערציאונג (נוירסעריס, קינדער־גערטנער, הייזער און אז. וו.), שאפונג פון אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן ביסלאכווייז לייכטער מאכן די הויז־ווירטשאפט (געזעלשאפט־לאכע קיכן און וועשערייען), א פלאנמעסיקער קולטורעלער קאמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און די טראדיציעס, וואָס פארשקלאפן די פרוי.

ה) וואוינונגס־פאַנד.

א. קאָנפיסקאציע פון גרויסן הויז־באזיץ.

ב. איבערגאנג פון די קאָנפיסקירטע הייזער אין דער פאר־וואלטונג פון אָרטיקע סאָוועטן.

ג. די ארבעטער באוואוינען די בורזשואזע קווארטאלן.

ד. פאלאצן, גרויסע פריוואטע און געזעלשאפטלאכע בנינים ווערן איבערגעגעבן אינ'ם רשות פון ארבעטער־אָרגאניזאציע.

ה. עס ווערט דורכגעפירט א ברייטע פראָגראם פון וואוי־נונגס־בוי.

ו) נאציאָנאלע און קאָלאָניאלע פראגע.

א. אנערקענען פאר אלע נאציעס, צו וואָס פאר א ראסע זיי זאָלן ניט געהערן, דאָס רעכט פון פולער זעלבסטבאשטימונג, ד. ה. זעלבסטבאשטימונג אפילו ביז צו מלוכה־אפטיילונג.

ב. פרייוויליקע פאראייניקונג און צענטראליזאציע פון די מיליטערישע און עקאָנאָמישע קרעפטן פון אלע פעלקער, וואָס האָבן זיך באפרייט פון קאפיטאליזם, מיט דעם צוועק צו קעמפן קעגן אימפעריאליזם און בויען די סאָציאליסטישע ווירטשאפט.

ג. אלזייטיקער און אנטשיידנדיקער קאמף קעגן אלע באגרענ־צונגען און אויסנאמס־רעכט, וועלכע זיינען געווענדעט קעגן וועלכער ניט איז פעלקערשאפט, נאציע אָדער ראסע. פולע גלייכבארעכ־טיקונג פון אלע נאציעס און ראסן.

ד. פארזיכערונג און אונטערשטיצונג דורך אלע קרעפטן און מיטלען פון דער סאָוועטישער מלוכה פאר די נאציאָנאלע קולטורן פון די נאציעס, וואָס האָבן זיך באפרייט פון קאפיטאליזם. דערביי

דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ קאָנסעקווענטע פּראָלעטאַרישע ליניע אין דער אַרבעט פון אַנטוויקלען דעם אינהאַלט פון אָט די קולטורן.

ה. אַלזייטיקע הילף פאַר דעם ווירטשאַפטלאַכן, פּאָליטישן און קולטורעלן וואוקס פון די פריער־אונטערדריקטע „געביטן", „גרענעץ לענדער" און „קאָלאָניעס" אין דער ריכטונג פון איבערבויען זיי אויף סאָציאַליסטישע יסודות, מיט דעם צוועק צו באַשאַפן אַ פעסטע באַזע פאַר אמת'ער און פולער נאַציאָנאַלער גלייכהייט.

ו. קאַמף קעגן אַלע רעשטן פון שאָוויניזם, נאַציאָנאַלן האַס, ראַסן־פּאָראורטיילן און די איבעריקע אידעאָלאָגישע פּראָדוקטן פון פעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער באַרבאַריי.

ז) מיטל פון אידעאָלאָגישן איינפלוס.

א. נאַציאָנאַליזאַציע פון דרוקערייען.

ב. מאָנאָפּאָליזאַציע פון צייטונגען און פאַרלאַגן.

ג. נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרויסע קינעמאַטאָגראַפישע אונטערנעמונגען, טעאַטערס, א. א. וו.

ד. אויסנוצונג פון די נאַציאָנאַליזירטע מיטלען פון „גייסטיקער דערציאונג" מיטן צוועק פון דער ברייטסטער פּאָליטישער און אַלגעמיינער אויפקלערונג פון די האָרעפּאַשניקעס און פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייער סאָציאַליסטישער קולטור אויף אַ פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַזע.

4. יסודות פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון פּראָלעטארישער דיקטאטור.

ביים דורכפירן אַט די אַלע אויפגאַבן פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט מוז מען אין זינען האָבן די פאָלגנדיקע כללים:

1. פולע אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד און נאַציאָנאַליזאַציע פון דער גאַנצער ערד קענען ניט דורכגעפירט ווערן באַלד אין די אַנטוויקלטסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו דער פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום האָט באַוויזן זיך טיף איינצוּוואָרצלען צווישן די ברייטסטע שיכטן פונם פויערטום. אין אַזוינע לענדער קען מען דורכפירן די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער גאַנצער ערד נאָר בהדרגה'דיק, דורך אַ ריי איבערגאַנג־מאָסמיטלען.

2. די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער פּראָדוקציע דאַרף, בדרך כלל, זיך ניט אויסשפּרייטן אויף קליינע און מיטעלע ווירטשאַפטן (פּויערים, בעל־מלאכות, קוסטאַרן, קליינע און מיטעלע הענדלער, קליינע אינדוסטריאַליסטן, א. א. וו.). דאָס איז, ערשטנס, צוליב דעם, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט מוז דורכפירן אַ שטריינגען אונטערשייד צווישן דעם אַרבעט־אייגנטום פון אַן איינפאַכן סחורה־פּראָדוצירער, וועמען מען קען און מען מוז ביסלאַכווייז אַריינציען אין דעם שטראָם פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, און דעם עקספּלואַטאַטאָרישן אייגנטום פון אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס עס איז אַן אומבאַדינגטע פּאַראויסזעצונג פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, אַז אַט דאָס אייגנטום זאָל ליקווידירט ווערן.

צווייטנס, איז דאָס דערפאַר, וואָס ביים פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט איבערגענומען די מאַכט, קען ניט קלעקן, דערהויפּט אין די ערשטע פאַזן פון דער דיקטאַטור, גענוג אָרגאַניזאַציאָנעלע קרעפטן, וואָס זאָלן ניט נאָר צוברעכן דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך

אומיטלבאַר אָרגאַניזירן די פאַרבינדונג פון די קליינע און מיטעלע אינדיווידועלע פּראָדוקטיווע איינהייטן אויף אַ נייער סאָציאַליס־טישער באַזע. אָט די קליינע אינדיווידועלע ווירטשאַפטן (אין דער ערשטער ליניע, די פּויערשע ווירטשאַפטן) וועלן נאָר ביסלאַכווייז, ווען אַלע פאָרמען פון זייער קאָלעקטיוויזאַציע וועלן באַקומען אַ סיסטעמאַטישע מעכטיקע שטיצע מצד דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, זיך אַריינציען אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג. יעדע צוואַנגהאַפטע ברעכונג פון זייער ווירטשאַפטלאַכן פונדאַמענט און אַ געצוואונגענע קאָלעקטי־וויזאַציע וואָלט נאָר געפירט צו נעגאַטיווע רעזולטאַטן.

3. די עקזיסטענץ פון אַ באַדייטנדיקער צאָל פון קליינע פּראָ־דוקטיווע איינהייטן (אין דער ערשטער ליניע פּויערשע ווירטשאַפטן, פאַרמערשע ווירטשאַפטן, ווירטשאַפטן פון בעל־מלאכות, קליינע הענדלער, א. א. וו.) נים נאָר אין די קאָלאָניעס, האַלב־קאָלאָניעס און עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואו די קליין־בירגערלאַכע מאַסן בילדן אַ ריזיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, נאָר אויך אין די צענטרען פון קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט (די פאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דייטשלאַנד, ווי אויך ענגלאַנד אין אַ געוויסן גראַד), מאַכט פאַר נויטווענדיק אייננצוהאַלטן אין דער אָדער יענער מאָס — אויף די ערשטע שטופן פון אַנטוויקלונג — די מאַרק־פאָרמען פון ווירטשאַפטלאַכער פאַרבינדונג, די געלט־סיסטעם, א. א. וו. די פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון ווירטשאַפטלאַכע באַזיסן (פון אַ סאָציאַליזירטער גרויס־אינדוסטריע ביז דער ווירטשאַפט פון קליינעם פּויער און בעל־מלאכה), וואָס מוז באַגלייט ווערן דורך אַ קאַמף פון אָט די פאַר־שיידענע ווירטשאַפטלאַכע פאָרמען; די פאַרשיידנאַרטיקייט פון קלאַסן און קלאַסן־גרופּירונגען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו אָט די ווירטשאַפטלאַכע פאָרמען, און וואָס זייער ווירטשאַפטלאַכע טעטי־קייט האָט פאַרשיידענע סטימולן און זייערע פאַרשיידענע ווירט־שאַפטלאַכע אינטערעסן קעמפן צווישן זיך; ענדלאַך די עקזיסטענץ אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפטלאַכן לעבן פון געוואוינהייטן און טראַדיציעס, וואָס זיינען גע׳ירשנ׳ט געוואָרן פון דער בורזשואַזער

געזעלשאַפט און קאָנען ניט אויסגעלעבט ווערן מיט אַמאָל, — דאָס אַלעס פאָדערט פון דער עקאָנאָמישער פירערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט אַ ריכטיקע צוזאַמענפּאַסונג — אויף דער באַזע פון מאַרק-באַציאונגען — פון גרויסער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און קליינער ווירטשאַפט פון איינצלנע סחורה-פּראָדוצירער, ד. ה. אַזאַ צוזאַמענפּאַסונג, וואָס פאַרזיכערט אַ פירנדיקע ראָלע פאַר דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און אין דער זעלביקער צייט אַ מאַקסימאַלן אויפשטייג פון דער גאַנצער פונדאַמענטאַלער מאַסע פון פויערשע ווירטשאַפטן. דעריבער וואָס גרעסער עס איז דאָס געוויכט פון דער צעשפּליטערטער קליין-פויערשער אַרבעט אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיק פונם לאַנד, אַלץ גרעסער איז דער אומפאַנג פון די מאַרק-באַציאונגען, אַלץ קלענער איז די באַדייטונג פון דער אומיטלבאַרער פּלאַן-פירערשאַפט, אַלץ אין אַ גרעסערער מאָס איז דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלאַכער פּלאַן געגרינדעט אויף דעם פאָראויסזען פון ווירטשאַפטלאַכע באַציאונגען, וואָס בינדן זיך אוים סטיכייאיש. פאַרקערט, וואָס קלענער עס איז דאָס געוויכט פון דער קליין-ווירטשאַפט, וואָס באַדייטנדיקער עס איז דער חלק פון דער סאָציאַליזירטער אַרבעט, וואָס מעכטיקער עס זיינען די קאָנצענטרירטע און סאָציאַליזירטע מאַסן פון פּראָדוקציע-מיטלען, אַלץ קלענער איז דער אומפאַנג פון מאַרק-באַציאונגען, אַלץ גרעסער איז די באַדייטונג פון דעם פּלאַן אין פאַרגלייך מיט די סטיכייאישע קרעפטן, אַלץ באַדייטנדיקער און אוניווערסאַלער זיינען די מעטאָדן פון אומיטלבאַרער פּלאַן-פירערשאַפט, סיי אויפן געביט פון פּראָדוקציע און סיי אויפן געביט פון פאַרטיילונג.

די טעכנישע און עקאָנאָמישע פאָרצוגן פון דער גרויסער סאָציאַליזירטער פּראָדוקציע, די צענטראַליזאַציע פון אַלע וויכטיקסטע עקאָנאָמישע קאָמאַנדע-הויכן (אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, גרויסע לאַנדווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען, ביינק, א. א. וו.) אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, אַ פּלאַן-אָנפירונג מיט דער ווירטשאַפט, די מאַכט פון דעם מלוכה-אַפּאַראַט אין אַלגעמיין (בודזשעט, שטייערן, אַדמיניסטראַטיווע געזעצגעבונג און געזעצגעבונג בכלל) ברייננגען דאָרט, וואו די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור פירט אַ

ריכטיקע קלאַסן־פּאָליטיק, ד. ה. דאָרט וואו זי נעמט ריכטיק אין אַכט די קלאַסן־באַציאונגען, צו אַן אומאויפהערלאַכן און סיסטעמאַטישן אַרויסשטויסן פון די רעשטן פּריוואַט־קאַפּיטאַל, ווי אויך פון די נייע קאַפּיטאַליסטישע שפּראָצן, סיי אין שטאָט, סיי אין דאָרף (דאָס גרויסע פּויערטום, קולאַקנטום), וועלכע קומען אויף צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט פון איינפאַכע סחורה־פּראָדוצירער אין די באַדינגונגען פון אַ מער אָדער ווייניקער פרייען האַנדל און פון מאַרק־באַציאונגען. גלייכצייטיק מיט דעם קומט פאָר, פון דער אַנדערער זייט, אַ סיסטעמאַטישע אַריינציאונג פון די פונדאַמענטאַלע מאַסן פון פּויערשע ווירטשאַפטן (ד. ה. פון דער קליינער און מיטעלער ווירטשאַפט) אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון זיך־אַנטוויקלענדיקן סאָציאַליזם מיט דער הילף פון זייער קאָאָפּערירונג און דעם וואוקס פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטלאַכע פאָרמען. פאַרבונדן מיט די מאַרק־באַציאונגען און קאַפּיטאַליסטיש לויט זייער אויסזען, שפּילן די פאָרמען און מעטאָדן פון ווירטשאַפטלאַכער טעטיקייט (דאָס רעכענען אין ווערטן, דאָס צאָלן מיט געלט פאַר אַרבעט, דער קויף און פאַרקויף, דער קרעדיט און בײַנק און א. ז.) די ראָלע פון הויב־שטאַנגען פון דער סאָציאַליסטישער איבערקערונג, אויף וויפיל די דאָזיקע הויב־שטאַנגען דינען אַלץ מער און מער די אונטערנעמונגען פון אַ קאָנסעקווענט סאָציאַליסטישן טיפּ, ד. ה. דעם סאָציאַליסטישן סעקטאָר פון דער ווירטשאַפט.

מאַרק־באַציאונגען אין די באַדינגונגען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ווען די סאָוועטישע מלוכה פאַרפאָלגט אַ ריכטיקע פּאָליטיק, ברענגען אויף אַזאַ אופן אין זייער אַנטוויקלונג זייער אייגענעם אונטערגאַנג: העלפנדיק אַרויסצושטויסן דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל, העלפנדיק איבעראַרבעטן די פּויערשע ווירטשאַפט, העלפנדיק ווייטער צו צענטראַליזירן און קאָנצענטרירן די פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, העלפן זיי דערמיט גופא **גובר צו זיין די מאַרק־באַציאונגען בכלל.**

אין פאַל פון אַ דיינקבאַרער מיליטערישער אינטערווענציע פון די קאַפּיטאַליסטן און פון אַ דויערהאַפטער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער

מלחמה קעגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, מוז די ווירט־שאַפטלאַכע לייטונג ארויסגיין קודם כל פון די אינטערעסן פון פאַר־טיידיקן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור: דערביי קען זיך אַרויס־ווייזן די נויטווענדיקייט פון אַ מיליטעריש־קאָמוניסטישער עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק („מיליטערישער קאָמוניזם״), וועלכער איז ניט קיין אנדער זאַך, נאָר די אָרגאַניזאַציע פון ראַציאָנאַלן פאַרברויך מיט דעם צוועק צו באַשיצן זיך מיליטעריש בשעת עס ווערט דורכ־געפירט אַ סיסטעם פון פאַרשטאַרקטן דרוק אויף די קאַפּיטאַליס־טישע גרופּן (קאָנפיסקאַציעס, רעקוויזיציעס, א. א. וו.). דערביי ווערט מער אָדער ווייניקער פולשטענדיק ליקווידירט דער פרייער האַנדל און די מאַרק־באַציאונגען, דערביי ווערן שאַרף געשטערט די אינדיווידואַליסטישע ווירטשאַפטלאַכע סטימולן פונם קליינעם פּראָדוצירער, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ זינקען פון די פּראָ־דוקטיווע קרעפטן פונם לאַנד. אַט די פּאָליטיק פון „מיליטערישן קאָמוניזם״, אונטערגראָבנדיק די מאַטעריעלע באַזע פון שיכטן אין לאַנד, וואָס זיינען פיינדלאַך צום אַרבעטער־קלאַס, פאַרזיכערנדיק אַ ראַציאָנאַלע פאַרטיילונג פון רעזערוון, וואָס זיינען שוין בנמצא, העלפנדיק דעם מיליטערישן קאַמף פון דער פּראָלעטאַרישער דיק־טאַטור און געפינענדיק דערין איר היסטאָרישע באַגרינדונג, קען פונדעסטוועגן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ סיסטעם פון אַ „נאָרמאַ־לער״ ווירטשאַפטלאַכער פּאָליטיק פון דער דיקטאַטור פונם פּראָ־לעטאַריאַט.

5. דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און די קלאַסן.

די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז אַ **פאָרטזעצונג פון זיין קלאַסן־קאַמף אין נייע באַדינ־גונגען**. די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איז אַן איינגע־שפּאַרטער קאַמף, אַ בלוטיקער און אַ בלוטלאָזער, אַ געוואַלטזאַמער און אַ פרידלאַכער, אַ מיליטערישער און אַ ווירטשאַפטלאַכער, אַ פּעדאַגאָגישער און אַן אַדמיניסטראַטיווער, קעגן די קרעפטן און טראַדיציעס פון דער אַלטער געזעלשאַפט, קעגן די אויסווייניקסטע קאַפּיטאַליסטישע שונאים, קעגן די רעשטן פון די עקספּלואַטאַ־

רישע קלאַסן אינווייניק אינם לאַנד, קעגן די שפּראָצן פון דער נייער בורזשואַזיע, וועלכע באַווייזן זיך אויף דער באַזע פון דער נאָך ניט באַזיגטער סחורה־פּראָדוקציע.

אין די באַדינגונגען פון ליקווידירן דעם בירגער־קריג ווערט דער איינגעשפּאַרטער קלאַסן־קאַמף פאַרטגעזעצט אין נייע פאָרמען. פריער פון אַלץ אין דער פאָרמע פון קאַמף צווישן די רעשטן פון די אַלטע עקאָנאָמישע יסודות און זייערע נייע שפּראָצן פון איין זייט, און די סאָציאַליסטישע פאָרמען פון ווירטשאַפט פון דער אַנדערער. דערביי בייטן זיך די פאָרמען פון קאַמף אויף די פאַרשיידענע עטאַפּן פון סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג, און אויף אירע ערשטע סטאַדיען קען אַט דער קאַמף אונטער באַשטימטע באַדינגונגען זיך פאַרשאַרפן. אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור ווערט די פּאָליטיק פונם פּראָלעטאַריאַט בנוגע אַנדערע קלאַסן און געזעלשאַפטלאַכע גרופּן אין לאַנד באַשטימט דורך די פאָלגנדיקע כללים:

1. די גרויס־בורזשואַזיע און פּריצים, די טיילן פונם אָפיצירן־קאָרפּוס און גענעראַליטעט און די העכערע ביוראָקראַטיע, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער בורזשואַזיע און די פּריצים, זיינען די קאָנסעקווענטע שונאים פונם אַרבעטער־קלאַס, קעגן וועלכע עס איז נויטיק דער אומדערבאַרעמדיקסטער קאַמף, אויסנוצן די אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן פון אַ געווויסן טייל פון אַט די עלעמענטן איז מעגלאַך, אָבער, בדרך כלל, נאָר נאָך דעם ווי די דיקטאַטור האָט זיך פאַרפעסטיקט און האָט אַנטשיידן אונטערדריקט אַלע עקספּלואַטאַטאָרישע פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן.

2. בנוגע דער טעכנישער אינטעליגענץ, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין בורזשואַזע טראַדיציעס, און איז מיט אירע אויבערשטע טיילן אייננ צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם קאָמאַנדער־אַפּאַראַט פונם קאַפּיטאַל, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט, אונטערדריקנדיק אויפן אַנטשיידנדיקסטן אופן יעדע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג פון די אים פיינטלאַכע שיכטן פון דער אינטעליגענץ, אין דער זעלביקער צייט אין זינען האָבען די נויטווענדיקייט אויסצונוצן אַט די קוואַליפיצירטע געזעלשאַפטלאַכע קראַפט אין דער

אַרבעט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, דערמוטיקנדיק מיט אַלע מיטלען די נייטראַלע גרופּן און באַזונדערס די וואָס זיינען פּריינטלאַך צו דער אַרבעטער־רעוואָלוציע. פּאַנאַנדערוויקלענדיק די פּערספּעקטיוון פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, ווירטשאַפטלאַך־טעכנישן און קולטורעלן, אין זיין גאַנצן געזעלשאַפטלאַכן מאַסשטאַב, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט סיסטעמאַטיש איבערציען די טעכנישע אינטעליגענץ אויף זיין זייט, אונטערוואַרפנדיק זי אונטער זיין אידייאישן איינפלוס און פּאַרזיכערנדיק איר נאָענטע מיטאַרבעטערשאַפט אין דער אַרבעט פון געזעלשאַפטלאַכן איבערבוי.

3. בנוגע דעם פּויערטום באַשטייט די אויפגאַבע פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין צוציען צו זייער זייט, שטיצנדיק זיך אויף דעם לאַנדווירטשאַפטלאַכן פּראָלעטאַריאַט, אַלע עקספּלואַטירטע און האָרעפּאַשנע שיכטן פונם דאָרף. שטריינג אונטערשיידנדיק צווישן די פּאַרשיידנאַרטיקע גרופּירונגען אינם פּויערטום און אין זיינען האָבנדיק זייער ספּעציפיש געוויכט, מוז דער זיגרייכער פּראָלעטאַריאַט אויף אַלערליי אופנים אונטערשטיצן די אומפּאַרמעגלאַכע, האַלב־פּראָלעטאַרישע שיכטן פונם פּויערטום, געבנדיק זיי אַ טייל פון די פּריצישע ערדן, פּאַרלייכטערנדיק זיי דעם קאַמף מיט דעם וואוכער־קאַפּיטאַל, א. א. וו. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף ווייטער נייטראַליזירן די מיטעלע שיכטן פונם פּויערטום און אומדערבאַרעמדיק אונטערדריקן דעם קלענסטן ווידערשטאַנד מצד דער דאָרפישער בורזשואַזיע, וואָס בלאָקירט זיך מיט די פּריצים. אין דער מאָס ווי ער פּאַרפעסטיקט זיין דיקטאַטור און אַנטוויקלט דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט איבערגיין פון דער פּאָליטיק פון נייטראַליזאַציע צו דער פּאָליטיק פון אַ פעסטן פּאַרבאַנד מיט די מיטעלע מאַסן פונם פּויערטום, אָבער בשום אופן ניט שטעלענדיק זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון וועלכער ניט איז טיילונג פון מאַכט. וואָרום די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט דריקט אויס פון איין זייט דעם פאַקט, אַז נאָר די אינדוסטריעלע אַרבעטער זיינען ביכולת אָנצופירן מיט דער גאַנצער מאַסע פון די האָרעפּאַשניקעס; פון דער אַנדערער זייט איז די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, זייענדיק זיין אַליין־הערשאַפט, אין דער זעלביקער

צייט אַ באַזונדערע פאָרמע פון אַ קלאַסן־פאַרבאַנד צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס דעם אַוואַנגאַרד פון די האָרעפּאַשניקעס, און די צאָלרייכע ניט־פּראָלעטאַרישע שיכטן פון די האָרעפּאַשניקעס אָדער זייער מערהייט, אַ פאַרבאַנד קעגן קאַפּיטאַל, אַ פאַרבאַנד מיטן צוועק אַראָפּצוּוואַרפן אים אינגאַנצן, אינגאַנצן צו אונטערדריקן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און אירע פּראָבן פון רעסטאַוראַציע, אַ פאַרבאַנד מיטן צוועק ענדגילטיק צו באַשאַפן און באַפעסטיקן דעם סאָציאַליזם.

4. די שטאָטישע קליין־בורזשואַזיע, וועלכע וואַקלט זיך פון עקסטרעמער שוואַרץ־הונדערט ביז אַ סימפּאַטיע צום פּראָלעטאַריאַט, דאַרף אויך פּונקט אַזוי נייטראַליזירט ווערן און אויף וויפיל דאָס איז מעגלאַך אַריבערגעוואונען ווערן אויף דער זייט פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס ווערט דערגרייכט דורך איבערלאָזן אין אירע הענט דאָס קליינע אייגנטום, דורך אַ געוויסע פרייהייט פוןווירטשאַפטלאַכן פאַרקער, דורך פאַרניכטונג פון דעם שקלאַפיש וואוכערישן קרעדיט און דורך פאַרשיידנאַרטיקע סאָרטן הילף מצד דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף קעגן אַלע מעגלאַכע פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישן דרוק.

6. מאַסן־אָרגאַניזאַציעס איו סיסטעם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

ביים אויספילן אָט די אַלע אויפגאַבן פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ענדערן זיך ראַדיקאַל די אויפגאַבן און פונקציעס פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אין דער ערשטער ליניע פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די פּראָפעסיאָנעלע (אינדוסטריעלע) פאַראיינען, מאַסאָווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואו די ברייטסטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט ווערן צום ערשטן מאָל אָרגאַניזאַציאָנעל צונויפגעבונדן און דערצויגן, זיינען אונטער קאַפּיטאַליזם דאָס פונדאַמענטאַלע געצייג פונם סטרייק־קאַמף, און שפּעטער אַ געצייג פון מאַסן־קאַמף קעגן דעם טראָסטיפיצירטן קאַפּיטאַל און זיין מלוכה. אונטער דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור פאַרוואַנדלען זיי זיך אין איר וויכטיקסטער הויב־שטאַנג, אין אַזאַ שול פון קאָמו־

ניזם, וועלכע ציט אַריין ריזיקע מאַסן פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער אַרבעט פון סאָציאַליסטישער פאַרוואַלטונג מיט דער פּראָדוקציע, אין אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט אַלע טיילן פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט, וועלכע ווירקט אויף אַלע צווייגן פון זיין אַרבעט, וועלכע שטייט אויף דער וואַך, סיי פון דויער־האַפטע, סיי פון טאָג־טעגלאַכע אינטערעסן פונם אַרבעטער־קלאַס און וועלכער פירט אַ קאַמף קעגן דער ביוראָקראַטישער פאַרקריפּלונג פון די אָרגאַנען פון דער סאָוועטישער מלוכה. אויף אַזאַ אופן פאַר־וואַנדלען זיך די פּראָפאַראיינען אין דעם פונדאַמענטאַלן סקעלעט פוןווירטשאַפטלאַכע און אַלגעמיין־מלוכה'שע אָרגאַניזאַציעס פונם פּראָלעטאַריאַט, אויף וויפיל זיי טיילן אַרוים פירנדיקע קאַדרען פאַר דער בוי־אַרבעט, אויף וויפיל זיי ציען אַריין אין דער אַרבעט ברייטע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, און אויף וויפיל זיי מאַכן פאַר זייער באַזונדער אויפגאַבע דעם קאַמף מיט ביוראָקראַטישע פאַרקריפּלונגען, וועלכע וואַקסן אומפאַרמיידלאַך אַרוים אויף דעם באָדן פון קלאַסן־ווירקונגען, וואָס זיינען פרעמד דעם פּראָלעטאַריאַט, און אויף דעם באָדן פון אַ נאָך ניט גענוגנדיקער קולטורעלקייט פון די מאַסן.

די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבעטער־קלאַס, וואָס אונטער די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם, — ניט געקוקט אויף די רעפאָרמיסטישע אויטאָ־פּיעס, — זיינען זיי פאַר'משפט אויף אַ בערך באַשיידענער ראָלע, וואָס אַ דאַנק די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און צוליב דער רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק פון זייערע פירער ווערן זיי אָפט דעגענערירט און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ צוגאָב צו אָט דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, קענען און דאַרפן ווערן — אונטער דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט — דער וויכטיקסטער באַשטאַנד־טייל פונם פאַרטיילונג־אַפּאַראַט.

ענדלאַך, **די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָאָפּעראַציע פונם פּויערטום** (פאַר קויפן, פאַרקויפן, קרעדיט, פּראָדוקציע) — ווען זי ווערט אויף אַ געהעריקן אופן אָנ־געפירט, ווען עס ווערט סיסטעמאַטיש געקעמפט קעגן די קאַפּיטאַ־

ליסטישע עלעמענטן, און עס ווערט פאַרזיכערט אַן אמת'ער אנטייל
פון אמת'ע ברייטע מאַסן האָרעפּאַשניקעס, וואָס גייען נאָכן פּראָ־
לעטאַריאַט, קען און דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין איינע פון די פונ־
דאַמענטאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וואָס פאַרבינדן די שטאָט
און דאָס דאָרף. די קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניגונגען פון די פויערשע
ווירטשאַפטן, פאַראייניגונגען וועלכע — אויף אַזוי פיל אויף וויפיל
זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן לעבנספייאיק — האָבן זיך אַליין אָפּט
אומפאַרמיידלאַך פאַרוואַנדלט אונטער די באַדינגונגען פונם קאַפּי־
טאַליזם מערסטנס אין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען,
צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען אָפּהענגיק פון דער קאַפּי־
טאַליסטישער אינדוסטריע, קאַפּיטאַליסטישע בענק, דער קאַ־
פּיטאַליסטישער ווירטשפטלאַכער סביבה בכלל, און זיינען געווען
אָנגעפירט דורך די רעפאָרמיסטן, דער דאָרפישער בורזשואַזיע און
אמאָל אויך דורך די פּריצים, אַנטוויקלען זיך אונטער די באַדינגונגען
פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין א סיסטעם פון גאַנץ אנדערע
באַציאונגען און זיי הענגען אָפּ פון דער פּראָלעטאַרישער אינדוסט־
ריע, פּראָלעטאַרישע בענק א. אַ. וו. ווען די פּאָליטיק פונם פּראָלע־
טאַריאַט איז ריכטיק, ווען עס ווערט געפירט א סיסטעמאַטישער
קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, סיי אויסער, סיי
אין די קאָאָפּעראַטיווע אַרגאַנאַזיצעס, ווען די סאָציאַליסטישע אינ־
דוסטריע פירט אָן, וועט די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָאָפּעראַציע ווערן
איינע פון די וויכטיקסטע הויב־שטאַנגען פונם סאָציאַליסטישן אי־
בערבוי פון דאָרף, פון זיין קאָלעקטיוויזאַציע דאָס אַלעם שליסט ניט
אויס די מעגלאַכקייט, אַז אין אייניקע לענדער זאָלן אין דער ער־
שטער צייט סיי די קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון, סיי דערהויפּט די
לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניגונגען, זיך אַרויס־
ווייזן, אונטער דער פירערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און אירע
סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגענטן, פאַר אַ פעסטונג פון קאָנטר־רע־
וואָלוציאָנערער טעטיקייט און סאַבאָטאַזש בנוגע דער ווירטשאַפט־
לאַכער בויאונג פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע.

אין דער גאַנצער קעמפערישער און בוי־אַרבעט, וואָס ווערט
אויסגעפירט דורך די פאַרשיידנאַרטיקסטע אָרגאַניזאַציעס פונם

פראָלעטאַריאַט, וועלכע דאַרפן זיין פאַקטיש די הויב־שטאַנגען פון דער סאָוועטישער מלוכה, וואָס פאַרבינדן זי מיט די ברייטסטע מאַסן פון אַלע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס, פאַרזיכערט דער פראָלעטאַריאַט די איינהייט פון ווילן און האַנדלונג, פאַרווירקלאַכנדיק אָט די איינהייט דורך דער פירנדיקער ראָלע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דער סיסטעם פון דער דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט.

די פאַרטיי פונם פראָלעטאַריאַט שטיצט זיך אוממיטלבאַר אויף די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַ ריי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס כאַפּן אַרום מאַסן אַרבעטער, און דורך זיי אויך פויערים (סאָוועטן, קאָאָפּעראַציע, קאָמיוגנט א. א. וו.) אָנפירנדיק מיט דער הילף פון אָט די הויב־שטאַנגען מיט דער גאַנצער סאָוועטישער סיסטעם אין גרויסן און גאַנצן. נאָר ווען די סאָוועטישע מאַכט ווערט מיט איבערגעבנקייט אונטערשטיצט דורך אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, נאָר ווען דער קלאַסן־ווילן איז אינגאַנצן איינהייטלאַך, נאָר ווען די פאַרטיי פירט אָן, וועט דער פראָלעטאַריאַט קאָנען אויספילן זיין ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער נייער געזעלשאַפט.

7. דיקטאַטור פונם פראָלעטאַריאַט און קולטורעלע רעוואָלוציע.

אָט די ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ נייער מענטשלאַכער געזעלשאַפט זעצט פאָראויס אַ קולטורעלע צייטיגונג פונם פראָלעטאַריאַט גופא, אַן איבעראַרבעטונג פון זיין אייגענער נאַטור דורך אים אַליין, אַ כסדר'דיקע אויסטיילונג פון זיינע רייען פון נייע קאַדרען, וועלכע זיינען פייאיק אַריינצונעמען אין זייערע הענט אַלע מיטלען פון וויסנשאַפט, טעכניק און פאַרוואַלטונג פאַר'ן צוועק פון סאָציאַליסטישן אויפבוי און אַ נייער סאָציאַליסטישער קולטור.

אויב די בורזשואַזע רעוואָלוציע קעגן דעם פעאָדאַליזם זעצט פאָראויס אַז אין די געדערים פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט גופא געפינט זיך אַ נייער קלאַס, וואָס לויט זיין קולטורע־

לער צייטיקייט שטייט ער העכער פונם הערשנדיקן קלאַס און וואָס ער איז נאָך אין די ראַמען פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט א העגעמאָן פונם עקאָנאָמישן לעבן, אַנטוויקלט זיך די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. זייענדיק אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַן עקאָנאָמיש עקספּלואַטירטער, פּאָליטיש אונטערדריקטער און קולטורעל־פאַריאָגטער קלאַס, ארבעט דער ארבעטער־קלאַס איבער זיין אייגענע נאַטור נאָר אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט ערהאָבערט די מלוכה־מאַכט, נאָר צעשטערנדיק די בורזשואַזע מאָנאָפּאָל פון בילדונג און באַהערשנדיק די גאַנצע וויסנשאַפט, נאָר דורך דער ערפאַרונג פון דער גרעסטער בוי־ארבעט. פאַר א מאַסן־געבורט פון סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין און פאַר דער זאַך פונם סאָציאַליזם גופא איז נויטיק אַן ענדערונג פון מענטשן אויף א מאַסן־מאָסשטאַב, אַן ענדערונג וועלכע איז מעגלאַך נאָר אין דער פּראַקטישער באַוועגונג, אין דער רעוואָלוציע; די רעוואָלוציע איז, פאָלגלאַך, נויטווענדיק ניט נאָר דערפאַר, וואָס עס איז ניט מעגלאַך אויף קיין שום אַנדער אופן ארונטערצוּוואַרפן דעם הערשנדיקן קלאַס, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דער ארונטערוואַרפנדיקער קלאַס קען נאָר אין דער רעוואָלוציע זיך אפּרייניקן פון דעם גאַנצן שמוץ פון דער אַלטער געזעלשאַפט און ווערן פייאיק צו באַשאַפן א נייע געזעלשאַפט.

פאַרניכטנדיק די מאָנאָפּאָל פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן אויף די פּראָדוקציע־מיטלען, דאַרף דער ארבעטער־קלאַס אויך פאַרניכטן די בורזשואַזע מאָנאָפּאָל אויף בילדונג, ד. ה. באַהערשן די גאַנצע שול ביז דער העכסטער. א באַזונדערס וויכטיקע אויפגאַבע פאַר דער זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט איז צוגרייטן פון דעם ארבעטער־קלאַס ספּעציאַליסטן, סיי אויפן געביט פון פּראָדוקציע (אינזשינערן, טעכניקער, אָרגאַניזאַטאָרן, א. א. וו.) סיי אין געביט פון מיליטערישע ענינים, וויסנשאַפט, קונסט א. א. וו. אין דער זעלביקער צייט שטייט פאַר אים די

אויפגאַבע פון אַן **אַלגעמיינעם קולטורעלן אויפשטייג פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן**, זייער פּאָליטישע אויפקלערונג, אַ העכערונג פון דער מדרגה פון זייערע קענטעניש און טעכנישער קוואַליפיקאַציע, געוואוינהייטן אין געזעלשאַפטליכער אַרבעט און פאַרוואַלטונג, קאַמף מיט די רעשטן פון בורזשואַזע און קליינבירגערלאַכע פאָראורטיילן א. אַ. וו.

נאָר אין דער מאָס אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט וועט אַרויסטיילן זיינע אַוואַנגאַרד־שיכטן אויף אָט די אַלע „קאָמאַנדאַפּאָסטן” פון דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי און קולטור, נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער די שיכטן וועלן וואַקסן מער און מער, אַריינציענדיק נייע און נייע מיטגלידער פונם קלאַס אינם פּראָצעס פון קולטור־רעוואָלוציאָנערער איבערמאַכונג און ביסלעכוויַיז גובר זייענדיק אַפילו די טיילונג אינוויייניק אינם קלאַס גופא אויף „פאָרטגעשריטענע” און „אָפּגעשטאַנענע” שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, ווערט גלייכצייטיק באַשאַפן סיי אַ גאַראַנטיע פון אַ זיגרייכן סאָציאַליסטישן אויפבוי, סיי אַ גאַראַנטיע קעגן דעם ביוראָקראַטישן אונטערפוילן און קעגן קלאַסן־דעגענעראַציע.

אינם פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע אַרבעט דער פּראָלעטאַריאַט איבער ניט נאָר זיין אייגענע נאַטור, נאָר אויך די נאַטור פון **אַנדערע קלאַסן**, אין דער ערשטער ליניע די צאָלרייכע קליינבירגערלאַכע שיכטן פון שטאָט און דאָרף, באַזונדערס די האָרעפּאַשנע שיכטן פונם פויערטום. לאָזנדיק די ברייטסטע מאַסן אויסנוצן די קולטורעלע רעוואָלוציע, אַריינציענדיק זיי אין דעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, פאַראייניקנדיק און קאָמוניסטיש אויפקלערנדיק זיי דורך אַלע מעטאָדן, וועלכע געפינען זיך אין זיין רשות, פירנדיק אַן אַנטשיידענעם קאַמף געגן אַלע אַנטי־פּראָלעטאַרישע און פאַך אידעאָלאָגיעס, באַזונדערס ענערגיש און סיסטעמאַטיש גובר זייענדיק די אַלגעמיינע און קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט פונם דאָרף, גרייט דער אַרבעטער־קלאַס דערמיט גופא צו — אויף דער באַזע פונם וואוקס פון קאָלעקטיווע ווירטשאַפטס־פאָרמען — **אַ זיג אי**־

בער דער קלאַסן־טיילונג פון דער גע־זעלשאַפט.

צווישן די אויפגאַבן פון דער קולטורעלער רעוואָלוציע, וועל־כע כאַפּט אַרום די ברייטסטע מאַסן, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דער קאַמף קעגן דעם אָפּיום פון די פעלקער — דער רעלי־גיע, אַ קאַמף, וועלכער דאַרף זיך פירן סיסטעמאַטיש און אומאויפהערלאַך. די פּראָלעטאַרישע מאַכט דאַרף פאַרניכטן יעדע מלוכה־שטיצע פאַר דער קירך, וועלכע איז אַן אַגענטור פון די הערשנדיקע קלאַסן, זי דאַרף פאַרניכטן יעדן אַריינמיש פון דער קירך אין דער מלוכיש־אָרגאַניזירטער אַרבעט פון דערציאונג און בילדונג און דאַרף אומדערבאַרמדיק אונטערדריקן די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערע טעטיקייט פון די קירכלאַכע אָרגאַניזאַציעס. אין דער זעלביקער צייט, דערלאָזנדיק די פרייהייט פון רעליגיעזן קולט און פאַרניכטנדיק די פּריווילעגירטע לאַגע פון דער פריער הערשנ־דיקער רעליגיע, פירט די פּראָלעטאַרישע מאַכט דורך אַלע מיטלען, וועלכע געפינען זיך אין איר רשות, אַן אַנטי־רעליגיעזע פּראָ־פּאַגאַנדע און זי בויט איבער די גאַנצע ערציערישע און ביל־דונגס־אַרבעט אויף דער באַזע פון אַ וויסנשאַפטלאַכער מאַטעריאַ־ליסטישער וועלטאַנשויאונג.

8. קאַמף פאַר דער וועלט־דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און די גרונט־טיפּן פון רעוואָלוציעס.

די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט ביל־דעט זיך פון פאַרשיידנאַרטיקע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין פאַרשידענע צייטן: ריין־פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס; רעוואָ־לוציעס פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישן טיפּ, וועלכע וואַקסן איר־בער אין רעוואָלוציעס פונם פּראָלעטאַריאַט; באַפרייערישע נאַ־ציאָנאַלע מלחמות; קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס נאָר אין דער לעצטער ליניע פירט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס צו דער וועלט־דיקטאַטור פונם פּראָלע־טאַריאַט.

די אומגלייכמעסיקייט פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם,

וועלכע האט זיך פארשארפט אין דעם אימפעריאליסטישן פעריאד, האט פאראורזאכט די פארשיידנארטיקייט פון זיינע טיפן, די פארשיידענע שטופן פון זיין צייטיקייט אין פארשיידענע לענדער, די פארשיידנארטיקע און ספעציפישע באדינגונגען פונם רעוואלוציאנערן פראצעס. אט די אומשטענדן מאכן היסטאריש אינגאנצן אומפארמיידלאך **די פארשיידנארטיקייט פון וועגן און טעמפאס, ווי אזוי דער פראלעטאריאט קומט צו דער מאכט**, די אומפארמיידלאכקייט אין א ריי לענדער פון געוויסע איבערגאנג־שטופן, וועלכע פירן צו דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט, און נאכדעם אויך די **פארשיידנארטיקייט פון פארמען פונם סאציאליזם וואס ווערט געבויט אין די פארשיידענע לענדער.**

די פארשיידנארטיקייט פון באדינגונגען און וועגן פונם איבערגאנג צו דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט אין פארשיידענע לענדער קען מען סכעמאטיש רעדוצירן צו דריי גרונט־טיפן.

לענדער פון הויכן קאפיטאליזם (פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, דייטשלאנד, ענגלאנד, א. א. וו.), מיט מעכטיקע פראדוקטיווע קרעפטן מיט א העכסט־צענטראליזירטער פראדוקציע, מיט א בערך קליינער באדייטונג פון דער קליין־ווירטשאפט, מיט א שוין לאנג אויסגעבילדעטער בורזשואז־דעמאקראטישער פאליטישער ארדנונג. אין אט די לענדער איז די גרונט־פאדערונג פונם פראגראם אויפן פאליטישן געביט דער דירעקטער איבערגאנג צו דער דיקטאטור פונם פראלעטאריאט. אויפן עקאנאמישן געביט זיינען אמכאראקטעריסטישסטן די עקספראפריאציע פון דער גאנצער גרויס־פראדוקציע; די ארגאניזאציע פון א באדייטנדיקער צאל פון מלוכישע סאוועטישע ווירטשאפטן און, פארקערט, דער איבערגאנג פון א בערך אומבאדייטנדיקן טייל פון די ערדן צום פויערטום; א בערך קליינער אומפאנג פון די סטיכייאישע מארק־באדינגונגען; א שנעלער טעמ־

פאַ פון סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג בכלל און פון דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער פויערשער ווירטשאַפט בפרט.

לענדער מיט א *מיטעלער שטופע פון אנטוויקלונג* פון קאַפּיטאַליזם (שפּאַניען, פּאָרטוגאַל, אונגאַרן, די באַלקאַנישע לענדער א. אַ. וו.) מיט אַן עקזיסטענץ פון באַדייטנדיקע רעשטן פון האַלב־פעאָדאַלע באַציאונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, מיט אַ געוויסן מינימום מאַטעריעלע פאַרבאַדינגונגען וועלכע זיינען נויטיק פאַר דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי, מיט אַ נאָך ניט פאַרענדיקטער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער טראַנספאָרמאַציע. אין *אייניקע* פון אָט די לענדער איז מעגלאַך א פּראָצעס פון אַ מער אדער ווייניקער שנעלן אריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע; אין *אַנדערע* זיינען מעגלאַך טיפּן פון פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, נאָר מיט אַ גרעסערן אומפאַנג פון אויפגאַבן פון א בורזשואַז - דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. פאָלגליך קען דאָ די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אָנקומען ניט מיט אַמאָל, נאָר אין דעם פּראָצעס פון איבערגיין פון דער דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און דעם פויערטום צו דער סאָציאַליסטישער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט; דאָרט וואו די רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך אוממיטלבאַר אַלס אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, זעצט זי פאָראויס אַז דער פּראָלעטאַריאַט פירט אָן מיט אַ ברייטער אַגראַר־פויערישער באַוועגונג; די אַגראַר - רעוואָלוציע בכלל שפּילט אַן אויסערם וויכטיקע, אָפּט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע; אינם פּראָצעס פון עקספּראָפּריאירן די גרויסע ערד־אייגנטום גייט אַריבער אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער קאָנפיסקירטער ערד אינם רשות פונם פויערטום; דער אומפאַנג פון די מאַרק־באַציאונגען נאָך דעם זיג פונם פּראָלעטאַריאַט איז באַדייטנדיק; די אויפגאַבן פון קאָאָפּערירן דאָס פויערטום און נאָכדעם פאַראייניקן עס פּראָדוקטיוו, פאַרנעמען אַ ריזיקן פּלאַץ צווישן די אַנדערע אויפגאַבן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. דער טעמפּאָ פון אָט דעם אויפבוי איז בערך לאַנגזאַם.

די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער (כינע, אינדיע, און א. וו.) און אָפּ־געבליבענע לענדער (ארגענטינע, בראַזיליע, און אנד.) מיט געוויסע אָנפאַנגען, אָפט מיט א באַדייטנדיקער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, אָן אַנטוויקלונג, וועלכע איז פונדעסטוועגן אין די מערסטע פאַלן ניט גענוג פאַר א זעלבסטשטענדיקן סאָציאַליסטישן אויפבוי, לענדער מיט א איבערוויגנדיקער הערשאַפט פון פעאָדאַל־מיטלאַלטערלאַכע באַציאונגען אָדער באַציאונגען פון „אַזיאַטישן אופן פון פראָדוקציע" סיי אין דער עקאָנאָמיק פונם לאַנד, סיי אין זיין פאָליטישן איבערבוי, לענדער מיט א קאָנצענטראַציע אין די הענט פון אויסלענדישע אימפעריאַליסטישע גרופּן פון די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע, און באַנק־אונטערנעמונגען, פון די פונדאַמענטאַלע טראַנספּאָרט־מיטלען, ערד־לאַטיפונדיעס און פּלאַנטאַציעס, א. א. וו. דאָ האָט א צענטראַלע באַדייטונג דער קאַמף קעגן פעאָדאַליזם, קעגן די פאָר־קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע און א קאָנסעקווענט דורכגעפירטע אַגראַר־רעוואָלוציע פונם פויערטום — פון איין זייט, א קאַמף קעגן דעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם פאַר נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט — פון דער אַנדערער זייט. בדרך כלל איז דער איבערגאַנג צו דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט דאָ מעגלאַך נאָר דורך א ריי צוגרייטונג־שטופּן, נאָר אַלס רעזולטאַט פון א גאַנצן פעריאָד פון אריבערוואַקסן פון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און א דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער אויפבוי איז, אין א מערהייט פאַלן, מעגלאַך נאָר אונטער דער באַדינגונג פון א דירעקטער שטיצע מצד די לענדער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

אין נאָך מער אָפּגעשטאַנענע לענדער (אשטייגער, אין אייניקע טיילן פון אַפריקע), וואו עס איז כמעט אָדער אינגאַנצן ניטאָ קיין לוין־ארבעטער, וואו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג לעבט אין די באַדינגונגען פונם שבט שטייגער און וואו עס האָבן זיך נאָך דערהאַלטן רעשטן פון די

אוראַלטע פאַמיליען־פאַרמען, וואו עס איז במעט נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע און וואו דער אויסלענדישער אימפעריאַליזם שפּילט אין דער ערשטער ליניע די ראָלע פון מיליטערישן אָקופּאַנט, וואס נעמט צו די ערד, דאָרט האָט א צענטראַלע באַדייטונג דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. דער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד און זיין זיג קענען דאָ עפענען א וועג פאַר דער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם, דערביי זאָל ניט נויטיק זיין דורכצוגיין די סטאַדיע פון קאַפּיטאַליזם בכלל, אויב עס וועט פאַקטיש געגעבן ווערן א מעכטיקע הילף מצד די לענדער פון פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור.

דאָס הייסט, אז אין דער עפּאָכע ווען אויף דער טאָג־אָרדנונג אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט ארויסגערוקט די אויפגאַבע פון עראָבערן די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט; ווען עס עקזיסטירט שוין די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אינם פ. ס. ס. ר., וועלכער איז א פאַקטאָר פון וועלטבאַדייטונג, קענען די באַפרייאונג־באַוועגונגען אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער, ארויסגערופענע דורך דעם, וואָס דער וועלט־קאַפּיטאַליזם דרינגט אַהינצו אריין, פירן, ניט געקוקט אויף דער אומצייטיקייט פון די געזעלשאַפטלאכע באַציאונגען פון די לענדער, ווען מען נעמט זיי איזאָלירט, צו זייער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג מיט דער הילף און שטיצע מצד דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג בכלל.

9. קאַמף פאַר דער וועלט־דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס.

די באַזונדערע באַדינגונגען פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין די וויכטיקסטע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער, די אומפאַרמיידלאכקייט פון א דויערנדיקן פּעריאָד פון קאַמף פאַר א דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום

און פונם אריבערוואקסן פון אָט דער דיקטאַטור אין דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, ענדלאַך די אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פון נאַציאָנאַלע מאָמענטן — דאָס אַלץ לייגט אַרויף אויף די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אָט די לענדער אַ ריי באַזונדערע אויפגאַבן, וועלכע בילדן די צוגרייטונג־שטופע צו די אַלגעמיינע אויפגאַבן פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט. די וויכטיקסטע פון אָט די באַזונדערע אויפגאַבן זיינען, לויט דער מיינונג פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, די פאָלגנדיקע:

1. אַראָפּוואַרפן די מאַכט פון אויסלענדישן אימפּעריאַליזם, פעאָדאַלן און פּריצישער ביוראָקראַטיע.

2. איינשטעלן אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום אויף דער באַזע פון סאָוועטן.

3. פולע נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט און מלוכישע פאַראייניקונג.

4. אַנולירונג פון די מלוכה־חובות.

5. נאַציאָנאַליזאַציע פון די גרויסע אונטערנעמונגען (אינדוסטריעלע, טראַנספּאָרט, באַנק און אַנד.), וועלכע געהערן די אימפּעריאַליסטן.

6. קאָנפיסקאַציע פון דער פּריצישער, קירכלאַכער און מאָנאַסטירישער ערד, נאַציאָנאַליזאַציע פון דער גאַנצער ערד.

7. איינפירונג פון דעם אַכט־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג.

8. אָרגאַניזאַציע פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריש־פּויערשער אַרמיי.

אין דער מאָס ווי עס וועט זיך אַנטוויקלען און פאַרטיפן דער ווייטערדיקער קאַמף (סאַבאָטאַזש פון דער בורזשואַזיע, קאָנפיסקאַציע פון אונטערנעמונגען, וואָס געהערן צו אָט די שיכטן פון דער בורזשואַזיע, אַ קאָנפיסקאַציע וועלכע וואַקסט אַריבער אומפאַרמיידלאַך אין אַ נאַציאָנאַליזאַציע פון דער גרויס־אינדוסטריע) אין יענע קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס, וואו דער פּראָלעטאַריאַט שפּילט די ראָלע פון אַן אָנפירער און אַ העגעמאָן, וועט די קאָנסעקווענטע בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אַריבערוואַקסן אין אַ רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט. אין קאָלאָניעס, וואו קיין

פּראָלעטאַריאַט איז נישטאָ, מוז דאָס אַרונטערוואַרפן פון דער מאַכט פון די אימפּעריאַליסטן באַדייטן די אָרגאַניזאַציע פון דער מאַכט פון פּאָלקישע (פּויערישע) סאָוועטן, די קאָנפיסקאַציע פון אויסלענדישע אונטערנעמונגען און ערדן און דאָס איבערגעבן זיי אין די הענט פון דער מלוכה.

פונם שטאַנדפּונקט פון קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, פונם שטאַנדפּונקט פון דעראָבערן די מאַכט דורכן אַרבעטער־קלאַס, שפּילן די קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס און די נאַציאָנאַלע באַפרייערישע באַוועגונגען אַ ריזיקע ראָלע. די קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס האָבן אַ באַדייטונג אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד אויך צוליב דעם וואָס בנוגע צו די אינדוסטריעלע לענדער, וועלכע שפּילן די ראָלע פון אַ *וועלט־שטאַט*, שפּילן זיי די ראָלע פון אַ *וועלט־דאָרף*, און די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישע וועלט־ווירטשאַפט, וועגן ריכטיק צוזאַמענפּאַסן די אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ פראַגע וועגן דער באַציאונג צו די געוועזענע קאָלאָניעס פונם אימפּעריאַליזם. *דעריבער איז אַ ברודערליכער קעמפערישער פאַרבאַנד מיט די קאָלאָניאַלע האָרעפּאַשנע מאַסן איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דעם אינדוסטריעלן וועלט־פּראָלעטאַריאַט אַלס העגעמאָן און אָנפירער פונם קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.*

אַזוי קומט אויס, אַז דער גאַנג פון דער וועלט־רעוואָלוציע, אונטערהויבנדיק די אַרבעטער פון די מעטראָפּאָליעס צום קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, הויבט אויף אויך הונדערטער מיליאָנען קאָלאָניאַלע אַרבעטער און פּויערים צום קאַמף קעגן אויסלענדישן אימפּעריאַליזם. ווען עס עקזיסטירן צענטערן פון סאָציאַליזם, אין דער געשטאַלט פון סאָוועטישע רעפּובליקן און פון זייער וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער מאַכט, דערנענטערן זיך די קאָלאָניעס, וואָס זיינען אָפּגעפאַלן פונם אימפּעריאַליזם, עקאָנאָמיש און פאַראייניקן זיך ביסלאַכוויַיז מיט די אינדוסטריעלע קוואַלן פון דעם וועלט־סאָציאַליזם, זיי ווערן אַריינגעצויגן אינם שטראָם פון סאָציאַ־

ליסטישן אויפבוי, אויסמיידנדיק די פאַזע פון א ווייטערדיקער אנט־ וויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אלס הערשנדיקע סיסטעם, און באַקומען די מעגלאַכקייט פון א שנעלן עקאָנאָמישן און קולטורעלן פאָרטשריט. גרופּירנדיק זיך פּאָליטיש ארום די צענטרען פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ווערן די פריערשע סאָוועטן פון די אָפּגעשטאַנענע געוועזענע קאָלאָניעס פון א מער אנטוויקלטן טיפּ איינגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער אַלץ וואַקסנדיקער פעדעראַציע פון סאָוועטישע רעפּובליקן און, פאַלגלאַך, דערמיט גופא אין דער סיסטעם פון דער וועלט־דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

.V

דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אינם פּ. ס. ס. ר. און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע

1. דער אויפבוי פון סאָציאַליזם אינם פּ. ס. ס. ר. און דער קלאַסן־קאַמף.

דער גרונט־אויסדרוק פון דעם טיפסטן קריזיס פון דער קאַפּי־טאַליסטישער סיסטעם איז די שפּאַלטונג פון דער וועלט־ווירטשאַפט אויף לענדער פון קאַפּיטאַליזם און לענדער, וואו עס בויט זיך סאָ־ציאַליזם. די אינוויינינקסטע פארשטאַרקונג פון דער פּראָלעטאַרי־שער דיקטאַטור אינם פּ. ס. ס. ר., די דערפאָלגן פון סאָציאַליס־טישן אויפבוי, דער וואוקס פונם איינפלוס און אויטאָריטעט פונם פּ. ס. ס. ר. צווישן די פּראָלעטאַרישע מאַסן און די אונטערדריקטע פעלקער פון די קאָלאָניעס, באַדייטן דעריבער א פאָרטזעצונג, א פאַרשטאַרקונג און א פאַנאַנדערוויקלונג פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

פאַרמאָגנדיק די נויטווענדיקע און גענוגנדיקע מאַטעריעלע פאָרבאַדינגונגען אינם לאַנד ניט נאָר אויף אַרונטערצוואַרפן די פּריצים און די בורזשואַזיע, נאָר אויך אויף אויפצובויען פולשטענ־דיקן סאָציאַליזם, האָבן די אַרבעטער פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, מיט דער הילף פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, העראָאיש אָפּגעשטויסן דעם אָנפאַל פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער אינ־וויינינקסטער און אויסלענדישער קאָנטער־רעוואָלוציע, פאַרשטאַרקט זייער פאַרבאַנד מיט די גרונט־מאַסן פון דעם פויערטום און האָבן דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן אויפן געביט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי.

די פאַרבינדונג פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליסטישער אינ־דוסטריע מיט דער קליינער פויערשער ווירטשאַפט, וואָס דאָס פאַרזי־כערט סיי דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט, סיי די אָנפירנדיקע ראָלע פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע; דאָס צוזאַמענשליסן פון אָט דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפט אנשטאָט קאַפּיטאַליסטיש באַדינען דעם ניט־פּראָדוקטיוון קאָנסום פון די פּאַראַזיטישע קלאַסן; פּראָדוקציע ניט צוליב קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן, נאָר צו באַפרידיקן די מאַסן־באַדערפענישן אין אַזוינע באַדינגונגען, וואו די לעצטע אַנטוויקלען זיך שנעל, וואָס דאָס סטימולירט סוף כל סוף אין א הויכער מאָס דעם גאַנצן פּראָדוקטיוון פּראָצעס; ענדלאַך די זייער גרויסע קאָנ־צענטראַציע פון די עקאָנאָמישע קאָמאַנדע־הויכן אין די הענט פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, די וואַקסנדיקע עלעמענטן, פון א פּלאַן־אָנפירונג און די דערמיט פאַרבונדענע עקאָנאָמיע און די צוועקמעסיקסטע פאַרטיילונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען, — דאָס אַלעס גיט דעם פּראָלעטאַריאַט א מעגלאַכקייט שנעל צו גיין פאַר־אויס אויפן וועג פון סאָציאַליסטישן אויפבוי.

הייבנדיק די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער גאַנצער פאָלקס־ווירטשאַפט, אומהויפהערלאַך דורכפירנדיק א קורס אויף דער אינ־דוסטריאַליזאַציע פונ'ם פ. ס. ר., וואָס איר שנעלער טעמפּאָ ווערט געפירט דורך דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער און אינוווי־ניקסטער סביבה, העכערט דער פּראָלעטאַריאַט פונם פ. פ. ס. ר., ניט געקוקט אויף די סיסטעמאַטיש ווידערהאָלטע פּראָבעס פון א פינאַנץ־עקאָנאָמישן באָיקאָט מצד די קאַפּיטאַליסטישע גרויס־מעכט, אין דער זעלביקער צייט אויך דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דעם פאַרגעזעלשאַפטלאַכטן (סאָציאַליסטישן) סעקטאָר פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, סיי לויט דעם חלק אין די פּראָדוקציע־מיטלען פונם גאַנצן לאַנד, סיי לויט דעם חלק אין איר ברוטאָ־פּראָדוקציע און אין דער אַלגעמיינער סחורה־צירקולאַציע. די מלוכישע סאָ־ציאַליסטישע אינדוסטריע, טראַנספּאָרט און באַנק־סיסטעם פירן אויף אַזאַ אופן אַלץ מער און מער נאָך זיך די קליינע און קלענסטע ווירטשאַפטן פון די פויערים מיט דער הילף פון די הויב־שטאַנגען

פון דעם מלוכה־האנדל און דער שנעל־וואַקסנדיקער קאָאָפּעראַציע אונטער די באַדינגונגען פון דער נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד און פון א וואַקסנדיקער אינדוסטריאַליזאַציע פונם לאַנד.

ספּעציעל אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפט קומט פאַר דער אויפשטייג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין באַדינגונגען, וואָס באַגרענעצן די דיפערענציאַציע פונם פּויערטום (נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד און, פאָלגליך, דער פאַרבאָט פון קויפן און פאַרקויפן שטיקלאַך ערד, די שאַרף פּראָגרעסיווע באַשטייערונג, די פינאַנסירונג פון דער אָרימער און מיטעלער קאָאָפּעראַציע און פון די פּראָדוקטיווע פאַראייניגונגען פון דער אָרימער און מיטעלער מאַסע, די געזעצגעבונג וועגן געדונגענע ארבעט, דאָס אָפּנעמען ביי די קולאַקעס א ריי פּאָליטישע און אַלגעמיין־בירגערלאַכע רעכט, די באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון דער אָרעמקייט, א. א. וו.). אין דער מאָס, אין וועלכער די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע זיינען נאָך ניט אַזוי פיל אויסגעוואַקסן, אז זיי זאָלן קענען אונטערפירן אין אברייטן מאַסשטאַב א נייעם טעכנישן באַזיס אונטער דער לאַנדווירטשאַפט און דערמיט באַלד פאַרווירקלאַכן די שנעלע פּראָדוקטיווע פאַראייניגונג פון די פּויערשע ווירטשאַפטן אין גרויסע געזעלשאַפטלאַכע ווירטשאַפטן (קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן), וואַקסט פונדעסטוועגן אין א געוויסער מאָס אויך דאָס קולאַקנטום, וואָס שטעלט איין א ווירטשאַפטלאַכן און נאָכדעם אויך א פּאָליטישן צוזאַמענשלוס מיט די עלעמענטן פון דער אַזוי גערופענער „נייער בורזשואַזיע”.

האַבנדיק אין זיינע הענט די אַנטשיידנדיקע עקאָנאָמישע קאָמאַנדע־הויכן; סיסטעמאַטיש אַרויסשטויסנדיק די רעשטן פונם פּריוואַטן שטאָטישן קאַפּיטאַל, וועמעס חלק איז אויסעראָרדענטלאַך שאַרף געפאַלן אין משך פון דעם לעצטן פּעריאָד פון דער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק”; באַשרענקנדיק מיט אַלע מיטלען די עקספּלואַטאַטאָרישע שיכטן פונם דאָרף, וועלכע וואַקסן אויס אויפן באַזיס פון דער אַנטוויקלונג פון סחורה־ און געלט־באַציאונגען; אונטערשטיצנדיק די סאָוועטישע ווירטשאַפטן אין דאָרף און פאַנאַנדערוויקלנדיק זייער נייעם אויפבוי; אריינציענדיק די גרונט־

מאסן פון פויערים, פשוטע סחורה־פראדוצירער אין דער אלגעמיינער סיסטעם פון דער סאוועטישערווירטשאפטלאכער ארגאניזאציע און, פאלגליך, אין דער ארבעט פון סאציאליסטישן אויפבוי דורך דער שנעל פראגרעסירנדיקער קאאפערירונג, וועלכע איז אין די באדינגונגען פון פראלעטארישער דיקטאטור און פון דעם עקאנאמישן אנפירן מצד דער סאציאליסטישער אינדוסטריע גלייכבאדייטנדיק מיט דער אנטוויקלונג פון סאציאליזם ; איבערגייענדיק פון דעם ווידעראויפבוי־פראצעס צו אן אויסגעברייטערטער רעפראדוקציע פון דער גאנצער פראדוקטיוו־טעכנישער באזע פונם לאנד, שטעלט דער פראלעטאריאט פונם פ. ס. ס. ר. פאר זיך און הויבט שוין אן צו פארווירקלאכן די אויפגאבע פון גרויסן קאפיטאלן אויפבוי (פראדוקציע פון פראדוקציע־מיטלען בכלל, שווער־אינדוסטריע און עלעקטריפיקאציע בפרט און ספעציעל) און, צוזאמען מיט דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער פארקויף־, קויף־ און קרעדיט קאאפעראציע, די אויפגאבע פון א דירעקט פראדוקטיווער, און דערביי אויף אן אלץ גרעסערן מאסן־מאסשטאב, קאאפערירונג פונם פויערטום אויף דער באזע פון קאלעקטיוויזם, וואס דאס פאדערט א מעכטיקע מאטעריאלע שטיצע מצד דער פראלעטארישער מלוכה.

זייענדיק אויף אזא אופן שוין איצט אן אנטשיידנדיקע עקאנאמישע קראפט, וועלכע באשטימט אין אירע הויפט מאמענטן די גאנצע אנטוויקלונג פון דער עקאנאמיק אינם פ. ס. ס. ר., מאכט דערמיט גופא דער סאציאליזם ווייטערדיקע גרויסע טריט אין זיין אנטוויקלונג, סיסטעמאטיש גובר זייענדיק די שוועריקייטן, וועלכע שטאמען פון דעם קליין־בירגערלאכן כאראקטער פונם לאנד און וועלכע זיינען פארבונדן מיט די פעריאדן פון א צייטווייליקער פארשארפונג פון קלאסן־ווידערשפרוכן.

די נויטווענדיקייט צו באנייען דעם טעכנישן אפאראט פון דער אינדוסטריע, די נויטווענדיקייט פון גרויסן קאפיטאלן אויפבוי מוז אומפארמיידלאך ארויסרופן א ריי זייער גרויסע שוועריקייטן אויפן וועג פון דער סאציאליסטישער אנטוויקלונג, וועלכע ווערן אין דער לעצטער ליניע דערקלערט דורך דער עקאנאמיש־טעכנישער אפגעשטאנענקייט פונם לאנד און דורך איר רואינירונג אין די

יאָרן פון דעם אימפּעריאַליסטישן און בירגער־קריג. פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף דערויף, האַלט דער לעבנס־סטאַנדאַרד פונם אַרבעטער־קלאַס און פון די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן אין איין שטייגן און צוזאַמען מיט דער סאָציאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע און וויסנשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע פון דער אינדוסטריע ווערט ביסלאַכוויז איינגעפירט דער זיבן־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג, וואָס דאָס עפנט ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פון פאַרבעסערן די באַדינגונגען פון דער אַרבעט, דאָס לעבן און דעם שטייגער פונם אַרבעטער־קלאַס.

אויף דער באַזע פון דעםווירטשאַפטלאַכן וואוקס פונם פּ. ס. ס. ר., פון דער אומאויפהערלאַכער פאַרגרעסערונג פונם ספּעציפישן געוויכט פונם סאָציאַליסטישן סעקטאָר, ניט אויפהערנדיק אויף איין מינוט צו קעמפן מיטן קולאַקנטום, שטיצנדיק זיך אין דאָרף אויף דער אָרימקייט און געפינענדיק זיך אין אַ פעסטן פאַרבאַנד מיט די גרונטאָוונע מאַסן פונם מיטלפויערטום, ציט דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער איז פאַראייניקט דורך דער פירערשאַפט פון דער, אין רעוואָלוציאָנערער שלאַכט פאַרהאַרטעוועטער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַריין אַלץ ברייטערע מאַסן פון צענדליקער מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס אין דער אַרבעט פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. די גרונט־מיטלען דערצו זיינען: די אַנטוויקלונג פון ברייטע מאַסן אָרגאַניזאַציעס (די פּאַרטיי אַלס פירנדיקע קראַפט, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַלס דער רוקן־ביין פון דער סיסטעם פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, דער קאָמיוג, די קאָאָפּעראַציע פון אַלע סאָרטן, די אָרגאַניזאַציע פון פרויען, אַרבעטערינס און פויערטעס; פאַרשיידענע, אַזוי גערופענע „פרייוויליקע געזעלשאַפטן”, אָרגאַניזאַציעס פון אַרבקאָרן און דאָרפקאָרן, אָרגאַניזאַציעס פאַר ספּאָרט, וויסנשאַפט, קולטור און אויפקלערונג), די אַלזייטיגע דערמוטיקונג פון מאַסן־איניציאַטיווע, דאָס אַרויסרוקן אַלץ נייע שיכטן פון אַרבעטער אויף קאָמאַנדע־פּאָסטן אין אַלע געביטן פון ווירטשאַפט און פאַרוואַלטונג. דאָס אומאויפהערלאַכע אַריינציען פון מאַסן אינם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, די כסדר׳דיקע אויפפרישונג פון דעם מלוכיש־עקאָנאָמישן, פּראָפאַראייניש און פּאַרטייאישן אַפּאַראַט דורך נייע און נייע טוער פונם פּראָלעטאַריאַט, דאָס סיס־

טעמאַטישע אויסאַרבעטן פון אַרבעטער בכלל, פון דער אַרבעטער־יוגנט בפרט, אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, אויף ספּעציעלע קורסן א. אַ. וו., נייע קאַדרען ספּעציאַליסטן אין אַלע צווייגן פון אויפבוי, — דאָס אַלעס איז איינע פון די הויפּט־גאַראַנטיעס קעגן דער ביוראָקראַטישער פאַרגליווערונג אָדער דער סאָציאַלער דעגענעראַציע פון דער דירעקט פאַרוואַלטנדיקער קאַדר־שיכט פונם פּראָלעטאַריאַט.

2. די באַדייטונג פונם פ. ס. ס. ר. און זיינע אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פליכטן.

האָבנדיק צעקלאַפּט דעם רוסישן אימפּעריאַליזם און באַפרייט אַלע געוועזענע קאָלאָניעס און די אונטערדריקטע נאַציעס פון דער צאַרישער אימפּעריע; סיסטעמאַטיש אונטערפירנדיק אַ פעסטע באַזע פאַר זייער קולטור־פּאָליטישער אַנטוויקלונג דורך דער אינדוסטריאַליזאַציע פון די אַנטשפּרעכנדיקע טעריטאָריעס; פאַרפעסטיקנדיק אין דער מלוכישער קאָנסטיטוציע פונם פאַרבאַנד די רעכטלאַכע פּאָזיציע פון די אויטאָנאָמע געביטן, אויטאָנאָמע רעפּובליקן און פאַרבאַנד־רעפּובליקן, און פאַרווירקלאַכנדיק אין פולער מאָס דאָס רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג, פאַרזיכערט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט פונם פ. ס. ס. ר. דערמיט גופא ניט נאָר די פאָרמעלע, נאָר אויך די פאַקטישע גלייכהייט פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פונם פאַרבאַנד.

זייענדיק אַ לאַנד פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פון בויען סאָציאַליזם, אַ לאַנד פון ריזיקע ערגאָבערונגען פונם אַרבעטערקלאַס, אַ לאַנד פון אַ פאַרבאַנד פון אַרבעטער און פּויערים, אַ נייַ לאַנד, וואָס גייט אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם און קולטור, ווערט דער פ. ס. ס. ר. אומפאַרמיידלאַך די באַזע פון דער וועלט־באַוועגונג פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן, אַ קוואַל פון אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, דער גרעסטער פאַקטאָר אין דער וועלט־געשיכטע. אינם פ. ס. ס. ר. דערווערבט דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט צום ערשטן מאָל אַן אמת פאָטערלאַנד, פאַר די קאָלאָניאַלע באַוועגונגען ווערט ער אַ צענטער פון דער גרעסטער צוציאונג.

אויף אַזאַ אופן איז דער פ. ס. ס. ר., אין די באַדינגונגען פונם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, דער וויכטיקסטער פאַקטאָר ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אָפּגעפאַלן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־סיסטעם, באַשאַפנדיק דעם יסוד פון אַ נייער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער שפּילט בכלל אַן אויסערגעוויינלאַך גרויסע רעוואָלוציאָנערע ראָלע, די ראָלע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַוועגער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וועלכער שטויסט די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער צו דער פאַרכאַפּונג פון מאַכט; די ראָלע פון אַ לעבעדיקן ביישפּיל, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז פייאיק ניט נאָר צו צושטערן דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך צו בויען דעם סאָציאַליזם; די ראָלע פון אַ פאַרבילד פון יענע ברידערלאַכע קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די נאַציאָנאַליטעטן פון אַלע לענדער אינם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פון דער וועלט, און פון יענער עקאָנאָמישער פאַראייניגונג פון די האָרעפּאַשניקעס פון אַלע לענדער אין איין איינציקער וועלט־ווירטשאַפט פון סאָציאַליזם, וועלכע עס דאַרף איינשטעלן דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט, ווען ער וועט האָבן ערגעבערט די מלוכה־מאַכט.

דאָס גלייכצייטיקע עקזיסטירן פון צוויי סיסטעמען פון ווירטשאַפט, אַ סאָציאַליסטישע סיסטעם אינם פ. ס. ר. ר. און אַ קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אין די איבעריקע לענדער, שטעלט איועק פאַר דער מלוכה פונם פּראָלעטאַריאַט די אויפגאַבע פון אָפּשטויסן די קלעפּ מצד דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט (באָיקאָט, בלאָקאַדע א. א. וו.) און אין דער זעלביקער צייט די אויפגאַבע פון עקאָנאָמישן מאַנעווורירן און אויסנוצן די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער (מיט דער הילף פון דער מאָנאָפּאָל־אָרגאַניזאַציע פון דעם אויסן־האַנדל, וואָס זי איז איינע פון די גרונט־באַדינגונגען פאַר אַ דערפאָלגרייכן אויפבוי פון סאָציאַליזם, אין דער פאָרמע פון קרעדיטן, הלוואות, קאָנצעסיעס א. א. וו.). די פונדאַמענטאַלע און וויכטיקע ליניע מוז דאָ זיין די ליניע פון מעגלאַכסט ברייטע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, נאָר אין די ראַמען פון זייער נוצן פאַרן פ. ס. ס. ר., ד. ה. אין דער ערשטער ליניע

פאַר דער פארשטאַרקונג פון דער אינדוסטריע אינם פ. ס. ס. ר. גופא, פאַר אונטערפירן אַ באַזע פון אייגענער שווער־אינדוסטריע און עלעקטריפיקאַציע, ענדלאַך אייגענעם סאָציאַליסטישן מאַשין־בוי. נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער עס ווערט פאַרזיכערט אָט די עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט פונם פ. ס. ס. ר. אין די באַדינ־גונגען פון קאַפּיטאַליסטישער ארומרינגלונג, ווערט באַשאַפן אַ פעסטע גאַראַנטיע קעגן דער געפאַר פון צעשטערן דעם סאָציאַליס־טישן אויפבוי אינם פ. ס. ס. ר. און פאַרוואַנדלען דעם פ. ס. ס. ר. אין אַן אָפּענדיקס צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־סיסטעם.

די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, פון דער אַנדערער זייט, ניט געַ־קוקט אויף דערויף, וואָס זיי זיינען פאַראינטערעסירט אין די מערק פונם פ. ס. ס. ר. וואַקלען זיך שטענדיק צווישן די אינטערעסן פון מסחר און דער מורא פאַרן וואוקס פונם פ. ס. ס. ר., אַ וואוקס וועל־כער באַדייט דעם וואוקס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. פונדעסטוועגן ווייזט זיך ארויס, אַז די פונדאַמענטאַלע און וויכ־טיקסטע טענדענץ אין דער פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מעכט איז אַ טענדענץ ארומצורינגלען דעם פ. ס. ס. ר. און צו פירן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מלחמה קעגן אים מיט דעם צוועק אים צו דערשטיקן און באַשאַפן אַן אַלוועלטלאַכן בורזשואַז־טעראָ־ריסטישן רעזשים.

אָט די סיסטעמאַטישע פּראָבן פונם אימפּעריאַליזם פּאָליטיש ארומצורינגלען דעם פ. ס. ס. ר. און די וואַקסנדיקע געפאַר פון אַ מיליטערישן אָנפאַל וועלן ניט שטערן דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס), סעקציע פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס פירט אָן מיט דער פּראָלעטאַרישער דיק־טאַטור אינם פ. ס. ס. ר., צו דערפילן אירע אינטערנאַציאָנאַלע פליכטן און ארויסצואווייזן אַ שטיצע אַלע אונטערדריקטע, אַ שטיצע דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער; אַ שטיצע דער באַוועגונג פון די קאָלאָניאַלע פעלקער קעגן אימ־פּעריאַליזם; אַ שטיצע דעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדרי־קונג, אין וואָס פאַר אַ פאָרמע זי זאָל זיך ניט באַווייזן.

3. פליכטן פונם אינטערנאַציאָנאַלן פראָלעטאַריאַט בנוגע דעם פ. ס. ס. ר.

פון זיין זייט איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אינם פ. ס. ס. ר. זיין איינציק פאָטערלאַנד, די וויכטיקסטע פעסטונג פון זיינע ערובערונגען און דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר פון זיין אינטערנאַציאָנאַלער באפרייאונג, מחויב צו העלפן די דערפאָלגן פונם סאָציאַליסטישן אויפבוי אינם פ. ס. ס. ר. און מיט אַלע מיטלען אים פאַרטיידיקן קעגן אָנפאַלן מצד קאַפּיטאַליסטישע גרויסמעכט.

„די פּאָליטישע וועלט-לאַגע האָט איצט אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג-אָרדנונג די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, און אַלע געשעענישן פון דער וועלט-פּאָליטיק ווערן אומפאַרמיידלאַך קאָנצענטרירט אַרום איין צענטראַל פּונקט, נעמלאַך — דעם קאַמף פון דער אַלוועלטלאַכער בורזשואַזיע קעגן דער סאָוועטישער רוסישער רעפּובליק, וועלכע דאַרף גרופּירן אַרום זיך אומפאַרמיידלאַך פון איין זייט די סאָוועטישע באַוועגונגען פון די פאָרטגעשריטענע אַרבעטער פון אַלע לענדער, פון דער אַנדערער זייט אַלע נאַציאָנאַל-באַפרייערישע באַוועגונגען פון די קאָלאָניעס און אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן” (לענין).

אין פאַל פון אַן אָנפאַל פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות אויף דעם פ. ס. ס. ר. און אַ מלחמה קעגן אים, דאַרף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט ענטפערן מיט די מוטיקסטע און אַנטשיידנדיקסטע מאַסן-אַרויסטרעטונגען און קאַמף פאַר אַרונטערוואַרפן די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען אונטערן לאָזונג: דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און אַ פאַרבאַנד מיטן פ. ס. ס. ר.

אין די קאָלאָניעס, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס פון אַן אימפּעריאַליסטישן לאַנד, וואָס פאַלט אָן אויפן פ. ס. ס. ר., איז נויטיק אויסצונוצן די אָפּציאונג פון די מיליטערישע קרעפטן פונם אימפּעריאַליזם כדי צוצוליייגן אַ מאַקסימום כחות אויף פאַנאַנדערצוּוויקלען דעם אַנטי-אימפּעריאַליסטישן קאַמף און אָרגאַניזירן רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען מיטן צוועק אַרונטערצוּוואַרפן דעם יאָך פון אימפּעריאַליזם און ערובערן פולע אומאָפּהענגיקייט.

די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם אינם פ. ס. ס. ר. און דער וואוקס פון זיין אינטערנאַציאָנאַלן איינפלוס מאָביליזרן קעגן אים ניט נאָר דעם האס פון די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמעכט און זייער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגענטור, נאָר זיי וועקן אויך אויף צו אים די גרעסטע סימפּאַטיעס מצד די ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, אַ גרייטקייט פון די אונטערדריקטע קלאַסן פון אַלע לענדער צו שטרייטן מיט אַלע מיטלען פאַר דעם לאַנד פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אין פאַל פון אַן אימפּעריאַליס־טישן אָנפאַל.

אָט אַזוי קומט אויס, אַז דאָס פאַנאַנדערוויקלען פון די ווי־דערשפּרוכן פון דער היינטיקער וועלט־ווירטשאַפט, די אַנטוויק־לונגען פון דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, דער מילי־טערישער אָנפאַל פון די אימפּעריאַליסטן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלן אומפאַרמיידלאַך ברענגען צו אַ מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן אויפרייס, וועלכער מוז באַגראָבן דעם קאַפּיטאַליזם אין אַ ריי אַזוי גערופענע ציוויליזירטע לענדער, פאַנאַנדערבינדען די זיגרייכע רע־וואָלוציע פון די קאָלאָניעס, אין אַ ריזיקער מאָס אויסברייטערן די באַזע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און דערמיט גופא מאַכן אַ גיגאַנטישן שריט פאָראויס אין דער ריכטונג פון אַן ענטגילטיקן וועלט־זיג פון סאָציאַליזם.

.VI

סטראַטעגיע און טאַקטיק פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט

1. אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען פיינטלאך צום קאָמוניזם, אינם אַרבעטער־קלאַס.

אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט שטויסט זיך דער רעוואָלוציאָנערער קאָמוניזם אָן אויף צאָלרייכע שטרעמונגען אינם אַרבעטער־קלאַס, שטרעמונגען וועלכע דריקן אויס אַ גרעסערע אָדער קלענערע שטופע פון אידעאָלאָגישער אָפּהענגיקייט פונם פּראָלעטאַריאַט פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע אָדער וועלכע שפּיגלען אָפּ אַן אידעאָלאָגישן דרוק אויפן פּראָלעטאַריאַט מצד דער קליין־בורזשואַזיע און קליינבירגעריי, וואָס צייטנווייז בונטעווען זיי קעגן דעם קייטן־רעזשים פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, נאָר זיי זיינען ניט פייאיק צו האָבן אַן אויסגעהאַלטענע און וויסנשאַפטלאך־דורכגעטראַכטע סטראַטעגיע און טאַקטיק פון קאַמף און דורכצופירן אָט דעם קאַמף אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אויפן יסוד פון אַ שטרענגער דיסציפּלין, וואָס דאָס איז די טבע פונם פּראָלעטאַריאַט.

די ריזיקע סאָציאַלע מאַכט פון דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה מיט אַלע אירע הילפס־אַפּאַראַטען — שול, פּרעסע, טעאַטער, קירך — ווייזט זיך קודם כל אַרויס אין דער עקזיסטענץ פון רעליגיעזע און רעפאָרמיסטישע שטרעמונגען אינם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע בילדן די הויפּט־שטרויכלונג אויפן וועג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט.

רעליגיעזע, רעליגיעז־באַפאַרבטע ריכטונגען אינם אַר־

בעטער־קלאַס געפינען זייער אויסדרוק אין רעליגיעזע פּראָפּע־סיאָנאַלע פאַראיינען, וועלכע זיינען אָפט אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער בורזשואַזיע און וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער אָדער יענער קירכלאַכער אָרגאַניזאַציע פון דעם הערשנדיקן קלאַס (קאַטוילישע פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען, יאָנג מענס קריסטשען אַסאָסיאיישאַנס, אידישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס א. א. וו.). אַט די אַלע שטרע־מונגען, זייענדיק דער בולט׳סטער פּראָדוקט פון דעם אידעאָלאָגישן גלות פון אייניקע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט, זיינען אין די מער־סטע פאַלן ראָמאַנטיש־פעאָדאַל באַפאַרבט. שפּרענקלענדיק די היי־ליקע וואַסער פון רעליגיע אויף אַלע העסלאַכקייטן פונם קאַפּיטאַ־ליסטישן רעזשים און אַזוי ארום מאַכנדיק זיי הייליק, טעראָריזירנ־דיק זייערע צאַן קדשים מיט דעם געשפּענסט פון שטראָף אויף יע־נער וועלט, זיינען די אָנפירער פון אָט די אָרגאַניזאַציעס די רע־אַקציאָנערסטע אָפּטיילונגען פונם קלאַסן־שונא אינם לאַגער פונם פּראָלעטאַריאַט.

א קאָמערציעל־ציניש און וועלטלאַך־אימפּעריאַליסטישע פאָר־מע פון דער אידעאָלאָגישער אונטערוואַרפונג פונם פּראָלעטאַריאַט אונטער דעם איינפלוס פון דער בורזשואַזיע איז דער היינטיקער „סאָציאַליסטישער" רעפאָרמיזם. קאָפּירנדיק אַלע זיינע געבאָטן פון די לוחות פון דער אימפּעריאַליסטישער פּאָ־ליטיק, האָט ער אין דער איצטיקער צייט פאַר א מוסטער די באַ־וואוסטזיניק אַנטי־סאָציאַליסטישע און אָפן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. די „אידייאישע" דיקטאַטור פון דער אַמעריקאַנישער לאַקייאישער פּראָפבוראָקראַטיע, וועלכע, פון איר זייט, דריקט אויס די „אידייאישע" דיקטאַטור פונם אַמע־ריקאַנישן דאָלאַר, איז, דורך דער הילף פון דעם ענגלישן רעפאָרמיזם און זיינע קעניגלאַכע סאָציאַליסטן פון דער לייבאָר פּאַרטיי, געוואָרן דער וויכטיקסטער באַשטאַנד־טייל פון דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון די פירער פונם אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל, דערביי באַ־פאַרבן די פירער פון דער דייטשישער און עסטרייכישער סאָציאַל־

דעמאָקראַטיע אַט די טעאָריעס מיט אַ מאַרקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע, פאַרדעקנדיק מיט איר זייער פולשטענדיקן פאַרראַט פון מאַרקסיזם. דער „סאָציאַליסטישער" רעפאָרמיזם, זייענדיק דער הויפּט־שונא פונם רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבנדיק אַ ברייטע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און דורך זיי אין די רעפאָרמיסטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, ווייזט זיך אַרויס אין זיין גאַנצער פּאָליטיק און אין זיין גאַנצער טעאָרעטישער שטעלונג אַלס אַ קראַפט, וואָס איז געווענדעט קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אויפן געביט פון דער אויסן־פּאָליטיק האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אונטער דער פאָן פון „פּאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד" אַקטיוו געהאָלפן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. די עקספּאַנסיע פון דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה און די „קאָלאָניאַלע פּאָליטיק" געפינען אין זיי יעדע מעגלאַכע שטיצע; אַן אָריענטאַציע אויף דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן „הייליקן פאַרבאַנד" פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמעכט („פעלקער־ליג"), די פּראָפּאַגאַנדע פון „אולטראַ־אימפּעריאַליזם", די מאָביליזאַציע פון די מאַסן אונטער פאַלש־פּאַציפיסטישע לאָזונגען און אין דער זעלביקער צייט אַן אַקטיווע שטיצע דעם אימפּעריאַליזם אין זיינע אָנפאַלן אויף דעם ס. ס. ס.ר. און אין זיין קומענדיקער מלחמה קעגן דעם ס. ס. ס. ר. — דאָס זיינען די גרונט־שטריכן פון דער אויסן־פּאָליטיק פון רעפאָרמיזם.

איפן געביט פון דער אינוועניגסטער פּאָליטיק האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַוועקגעשטעלט פאַר איר אויפגאַבע אַ דירעקטע אונטערשטיצונג און אַ דירעקטע הילף דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. פולע אונטערשטיצונג פון קאַפּיטאַליסטישער ראַציאָנאַליזאַציע און סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם, אַ פאַרזיכערונג פון קלאַסן־שלום, „שלום אין דער אינדוסטריע"; אַ פּאָליטיק פון אַן אַריינוואַקסן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די אָרגאַניזאַציעס פון די אונטערנעמער און פון דער רויבערישער אימפּעריאַליסטישער מלוכה; די פּראַקטיק פון דער אַזוי גערופענער „ווירט־

שאפטלאכער דעמאקראטיע", וואס אין אמת'ן איז דאס די פראקטיק פון א פולשטענדיקער אונטערווארפונג אונטער דעם טראסט־קאפי־טאל; גוואלטיקער אפשיי פאר דער אימפעריאליסטישער מלוכה און באזונדערס פאר אירע פאלש־דעמאקראטישע שילדן; אן אק־טיווער אויפבוי פון די ארגאנען פון אט דער מלוכה, איר פאליציי, ארמיי, זשאנדארמעריע, איר קלאסן־געריכט; א באשיצונג פון אט דער מלוכה קעגן יעדן אנפאל מצד דעם רעוואלוציאנערן קאמוניס־טישן פראלעטאריאט און די תליון־ראלע פון דער סאציאל־דעמא־קראטיע אין דער צייט פון רעוואלוציאנערע קריזיסן, — דאס איז די ליניע פון דער אינוועניקסטער פאליטיק פונם רעפארמיזם. מאכנ־דיק דעם אנשטעל פון פראפעסיאנעלן קאמף, שטעלט זיך דער רע־פארמיזם אויך אין אט דעם געביט אלס הויפט־אויפגאבע אזוי צו פירן דעם קאמף, אז דער קלאס קאפיטאליסטן זאל זיין גאראנטירט קעגן אלע מעגלאכע דערשיטערונגען און עס זאל אים יעדנפאלס זיין גאראנטירט א פולשטענדיקע אומבארירלאכקייט פון די יסודות פון קאפיטאליסטישן אייגנטום.

אויפן געביט פון טעאריע האט די סאציאל־דעמאקראטיע אינגאנצן און פולשטענדיק פארראטן דעם מארקסיזם, דורכגייענדיק דורך דעם רעוויזיאניסטישן עטאפ צו א פארענדיקטן ליבעראל־בור־זשואזן רעפארמיזם און צו אפענעם סאציאל־אימפעריאליזם; די לערע פון מארקסן וועגן די ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם האט זי פארביטן אויף דער בורזשואזער לערע וועגן זיין הארמאנישער אנט־וויקלונג; די לערע וועגן קריזיסן און וועגן דער פארארעמונג פונם פראלעטאריאט האט זי אוועקגעלעגט אין ארכיוו; די גרויזאמע און פלאמענדיקע טעאריע פון קלאסן־קאמף האט זי פארוואנדלט אין א וואולגארער פראפאגאנדע פון קלאסן־שלום; די לערע וועגן דער פארשארפונג פון קלאסן־ווידערשפרוכן האט זי פארביטן אויף דער קליינבירגערלאכער באבע־מעשה וועגן דער „דעמאקראטיזאציע" פון קאפיטאל; אויפן ארט פון דער טעאריע פון מלחמות, וואס זיינען אומפארמיידלאך אונטערן קאפיטאליזם, האט זי אוועקגעשטעלט די בורזשואזע נארעריי פון פאציפיזם און די פאלשע פראפאגאנדע פון „אולטרא־אימפעריאליזם"; די טעאריע און דעם רעוואלוציאנערן

צוזאמענבראך פון קאפיטאליזם האט זי צעביטן אויף דעם פאלשן מינץ פון א „געזונטן" קאפיטאליזם, וועלכער פארוואנדלט זיך פרידלאך אין סאציאליזם ; די רעוואלוציע האט זי פארביטן אויף עוואלוציע ; די צערשטערונג פון דער בורזשואזער מלוכה — אויף איר אקטיוון אויפבוי ; די לערע וועגן פראלעטארישער דיקטאטור — אויף דער טעאריע פון קאאליציעס מיט דער בורזשואזיע ; די לערע וועגן אינטערנאציאנאלער פראלעטארישער סאלידאריטעט — אויף דער לערע וועגן פארטיידיקן די אימפעריאליסטישע פאטערלענדער ; דעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם פון מארקס — אויף דער אידעאליסטישער פילאזאפיע און אויף קאקעטירן מיט די רעליגיעזע שיריים פון דער בורזשואזיע.

אינווייניק אין אט דעם סאציאל־דעמאקראטישן רעפארמיזם טיילט זיך ארויס א ריי ריכטונגען, וואס זיינען באזונדערס כאראקטעריסטיש פונם שטאנדפונקט פון בורזשואזער דעגענעראציע פון דער סאציאל־דעמאקראטיע.

דער קאנסטרוקטיווער סאציאליזם (מעקדאנאלד עט קאמפ.), וואס אין זיין נאמען גופא טראגט ער די אידעע פון קאמף קעגן דער רעוואלוציע פונם פראלעטאריאט און פון א פאזיטיווער באציאונג צו דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, זעצט פאר די ליבעראל־פילאנטראפישע, אנטי־רעוואלוציאנערע און בורשזואזע טראדיציעס פון פאביאניזם (דאס פארל וועב, בערנארד שאו, לארד אליווער, א. א. וו.). פרינציפיעל נעגירנדיק די דיקטאטור פון פראלעטאריאט און געוואלט־מיטלען פון קאמף קעגן דער בורזשואזיע, אונטערהאלט ער דעם געוואלדזאמען קאמף קעגן דעם פראלעטאריאט און די קאלאניאלע פעלקער. זייענדיק אן אפאלאגעט פון דער קאפיטאליסטישער מלוכה, פריידיקנדיק אונטער דער געשטאלט פון סאציאליזם דעם מלוכה־קאפיטאליזם, דערקלערנדיק — צוזאמען מיט די וואולגארסטע אידעאלאגן פון אימפעריאליזם פון ביידע העמיספערן, — אז די טעאריע פונם קלאסן־קאמף איז א „פאר־וויסנשאפטלאכע" טעאריע, פריידיקט דער „קאנסטרוקטיווער סאציאליזם" מיט ווערטער א מעסיקע פראגראם פון נאציאנאליזאציע פאר אויסקויף־געלט, א שטייער אויף דער ערד־רענט, א

שטייער אויף ירושות און אַ באַשטייערונג פון סופּער־פּראָפיטן אַלס אַ מיטל צו פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם. זייענדיק אַן אַנטשיידיקער געגנער פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אינם פ. ס. ס. ר. איז דער „קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם" אין פולן פאַרבאַנד מיט דער בורזשואַזיע, אַן אַקטיווער שונא פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט און פון קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס.

אַ באַזונדער סאָרט „קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם" איז דער „קאָאָפּעראַטיזם" אָדער „קאָאָפּעראַטיווער סאָציאַליזם" (שאַרל זשיד, טאָטאָמיאַנץ עט קאָמפּ.), וועלכער פאַרוואָרפט אויך אַנטשיידן דעם קלאַסן־קאַמף און פּריידיקט אַ קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון פאַרברויכער אַלס אַ מיטל גובר צו זיין דעם קאַפּיטאַליזם אויף אַ פרידלאַכן אופן, אין אמת'ן אָבער העלפנדיק מיט אַלערליי מיטלען אים צו פאַרשטאַרקן. דער „קאָאָפּעראַטיזם" וואָס, אין דער געשטאַלט פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און קאָנסום־קאָאָפּעראַציע, פאַרמאָגט ער אַ ברייטן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט צו באַווירקן די ברייטע מאַסן סיסטעמאַטיש טאָג־טעגלאַך, פירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, שטערנדיק דער פאַרווירקלאַכונג פון אירע אידעען, און בילדעט איצט איינעם פון די אַקטיווסטע פאַקטאָרן אינם לאַגער פון דער רעפאָרמיסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע.

דער אַזוי גערופענער „גילד־סאָציאַליזם" (פּענטי, אָראַזש, האָבסאָן און אַנדערע) איז אַן עקלעקטישע פּראָבע צו פאַראייניקן דעם „רעוואָלוציאָנערן" סינדיקאַליזם מיט דעם בורזשואַז־ליבעראַלן פאַביאַניזם, די אַנאַרכיסטישע דעצענטראַליזאַציע („נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע גילדס") מיט דער מלוכיש־קאַפּיטאַליסטישער צענטראַליזאַציע, די האַנטווערקערישע פאַך־באַשרייינקטקייט פון מיטלאַלטער מיט דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם. אַרויסגייענדיק פון די ווערטער, וואָס פאָדערן פאַרניכטן די „סיסטעם פון אַרבעטס־לוין" אַלס „אוממאָראַלישן" אינסטיטוט, וועלכער דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַן אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע, מיידט דער גילד־סאָציאַליזם אינגאַנצן אויס די וויכטיקסטע פראַגע, די פראַגע וועגן מאַכט. שטרעבנדיק צו פאַראייניקן אַרבעטער, אינ־

טעליגענטן און טעכניקער אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלע אינ־דוסטריעלע „גילדס" און פּאַרוואַנדלען אַט די גילדס אויף אַ פרידלאַכן אופן („קאָנטראָל פון אינוועניק") אין אָרגאַנען פון פאַרוואַלטן מיט דער אינדוסטריע אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער מלוכה, פּאַרטיידיקט דער גילד־סאָציאַליזם אין דער פּראַקטיק אַט די מלוכה, ער פּאַרטוישט איר אימפּעריאַליסטישן, אַנטי־פּראָלעטאַרישן קלאַסן־כאַראַקטער, און גיט איר דאָס אָרט פון אַ פאַרטרעטער פון די אינ־טערעסן פון די „פאַרברויכער", וועלכער שטייט „אויסער קלאַסן" אַלס געגן־געוויכט צו די „פּראָדוצירער", וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין גילדס. דורך זיין פרײדיקן „פונקציאָנעלע דעמאָקראַטיע" ד. ה. אַ פאַרטרעטערשאַפט פון די קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער גע־זעלשאַפט, וועלכע ווערן פאָרגעשטעלט אַלס פּראָפעסיעס מיט זייערע באַזונדערע געזעלשאַפטלאַך־פּראָדוקטיווע פונקציעס, טרעט דער גילד־סאָציאַליזם אויס דעם וועג צו דער „קאָאָפּעראַטיווער מלוכה" פון פאַשיזם. לייקענענדיק דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און אין דערזעל־ביקער צייט לייקענענדיק דירעקטע אַקציע, פאַראורטיילט די מער־הייט פון די גילד־סאָציאַליסטן דעם אַרבעטער־קלאַס אויף פול־שטענדיקע מאַכטלאָזיקייט און פּאַסיווע אונטערוואַרפונג אונטער דער בורזשואַזיע. אויף אַזאַ אופן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן טרייד־יוניאָניסטישן אוטאָפּישן אָפּאָרטוניזם און, אַלס אַזעלכער, קען ער ניט שפּילן קיין אנדער ראָלע ווי אַן אַנטי־רעוואָ־לוציאָנערע.

אַ באַזונדער פאָרמע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן רעפאָרמיזם איז, ענדלאַך, דער עסטרייכישער מאַרקסיזם. זייענדיק אַ באַשטאַנד־טייל פונם „לינקן" פליגל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז דער עסטרייכישער מאַרקסיזם די ראַפינירטסטע פאָרמע פון אָפּנאַרן די האָרעפּאַשנע מאַסן. פּראָסטיטואירנדיק די מאַרקסיסטישע טערמינאָלאָגיע און אין דער זעלביקער צייט צע־רייסנדיק אַנטשיידן מיט די יסודות פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם (קאַנטיאַניזם, מאַכיזם א. א. וו. פון די „עסטרייכישע מאַרקסיסטן" אויפן געביט פון פילאָזאָפיע), קאָקעטירנדיק מיט דער רעליגיע, קאָפּירנדיק ביי די ענגלישע רעפאָרמיסטן די טעאָריע פון „פונקצי־

אַנעלער דעמאָקראַטיע", שטייענדיק אויפן שטאַנדפונקט פון „בויען די רעפובליק", ד. ה. בויען די בורזשואַזע מלוכה, רעקאָמענדירט דער עסטרייכישער מאַרקסיזם די „קאָאָפּעראַציע פון קלאַסן" אין די פּעריאָדן פון דעם אַזוי גערופענעם „גלייכגעוויכט פון קלאַסן־קרעפטן", ד. ה. גראַד דעמאָלט, ווען עס צייטיקט זיך אַ רעוואָלוציאָנערער קריזיס. אָט די טעאָריע באַדייט אַ רעכטפאַרטיקונג און אַ קאָאַליציע מיט דער בורזשואַזיע אויף אומצעוואַרפן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אונטער דער מאַסקע פון שיצן די „דעמאָקראַטיע" פאַר אַן אָנפאַל פון דער רעאַקציע. די געוואַלט־מיטלען, וואָס דער עסטרייכישער מאַרקסיזם דערלאָזט אין פאַל פון אַן אָנפאַל פון דער רעאַקציע, פאַרוואַנדלט זיך אָביעקטיוו און אין דער פּראַקטיק אין געוואַלט־מיטלען פון דער רעאַקציע קעגן דער רעוואָלוציע פונם פּראָלעטאַריאַט. די „פונקציאָנעלע ראָלע" פונם עסטרייכישן מאַרקסיזם באַשטייט אין אָפּנאַרן די אַרבעטער, וואָס גייען שוין צום קאָמוניזם. און דעריבער איז דער עסטרייכישער מאַרקסיזם אַ באַזונדערס געפערלעכער שונא פונם פּראָלעטאַריאַט, געפערלעכער איידער די אָפענע אָנהענגער פון דעם רויבערישן סאָציאַל־אימפּעריאַליזם.

אויב אָט די אַלע שטרעמונגען, זייענדיק באַשטאַנד־טיילן פונם „סאָציאַליסטישן" רעפאָרמיזם, זיינען אַן אַגענטור פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע אינם אַרבעטער־קלאַס, שטויסט זיך דער קאָמוניזם צונויף, פון דער אַנדערער זייט, מיט אַ ריי קלייגבירגערלאַכע שטרעמונגען, וועלכע שפּיגלען אָפּ און דריקן אויס די וואַקלענישן פון אומסטאַבילע געזעלשאַפטלאַכע שיכטן (די שטאָטישע קליין־בורזשואַזיע, די דעגענערירנדיקע שטאָטישע קליינבירגעריי, דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, די דעקלאַסירטע אינטעליגענטישע באַהעמע, די בעל־מלאכות וואָס ווערן פאַראָרעמט, אייניקע שיכטן פונם פויערטום א. א. וו. א. א. וו.). אָט די שטרעמונגען, זייענדיק פּאָליטיש העכסט אומסטאַביל, פאַרדעקן אָפט מיט אַ לינקער פראַזעאָלאָגיע אַ רעכטע פּאָליטיק אָדער זיי פאַלן אַריין אין אַוואַנטוריזם, פאַרבייטנדיק די אָביעקטיווע באַרעכענונג פון קרעפטן אויף אַ שרייענדיקער פּאָליטישער זשעסטיקולאַציע, אָפט איבערגייענדיק

פון אומגלויבלאַכער רעוואָלוציאָנערער באַרימעריי צו דעם טיפסטן פעסימיזם און צו אַן אמת'ער קאַפּיטולאַציע פאַרן שונא. אַט די שטרעמונגען קענען אונטער געוויסע באַדינגונגען, באַזונדערס ביי שאַרפע ענדערונגען פון דער פּאָליטישער סיטואַציע און ביי דער נויטווענדיקייט פון אַ צייטווייליקן צוריקטריט, ווערן די געפערלאַכסטע דעזאָרגאַניזאַטאָרס פון די פּראָלעטאַרישע רייען און דערמיט גופא פאַרהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט.

דער אַ נ אַ ר כ י ז ם, וועמעס גרעסטע פאַרטרעטער (קראַפּאָטקין, זשאַן גראַוו און אנדערע) זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה פון 1914—1918 פאַררעטעריש איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע, לייקנט די נויטווענדיקייט פון ברייטע צענטראַליזירטע און דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציעס פונם פּראָלעטאַריאַט און דערמיט גופא לאָזט ער אים מאַכטלאָז, פּנים אל פּנים מיט דער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע פון קאַפּיטאַל. פּרייידיקנדיק אינדיווידועלן טעראָר, ציט ער אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט פון די מעטאָדן פון קלאַסן־אָרגאַניזאַציע און מאַסן־קאַמף. לייקענענדיק די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט אינם נאָמען פון אַבסאַטראַקטער „פרייהייט”, נעמט דער אַנאַרכיזם אָפּ ביים פּראָלעטאַריאַט דאָס וויכטיקסטע און שאַרפסטע געצייג קעגן דער בורזשואַזיע, אירע אַרמייען, אַלע אירע רעפּרעסיווע אָרגאַנען. ווייט פון וועלכער ניט איז מאַסן־באַוועגונג אין די וויכטיקסטע צענטרען פונם פּראָלעטאַרישן קאַמף, פאַרוואַנדלט זיך דער אַנאַרכיזם אַלץ מער אין אַ סעקטע, וואָס דורך איר גאַנצער טאַקטיק און דורך אַלע אירע אַרויסטרעטונגען, אַריינגערעכנט די אַרויסטרעטונגען קעגן דער דיקטאַטור פונם אַרבעטער־קלאַס אינם פ. ס. ס. ר., שליסט ער זיך איין אָביעקטיוו אין אַן איינהייטלאַכן פראָנט פון די אַנטי־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

דער „ר ע וו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר” ס י נ ד י ק אַ ל י ז ם וועמעס פילע אידעאָלאָגן זיינען אין דעם קריטישסטן מיליטערישן פעריאָד איבערגעגאַנגען אינם לאַגער פון די „אַנטי־פּאַרלאַמענטאַרישע” קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן פון פאַשיסטישן טיפּ אָדער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פרידלאַכע רעפאָרמיסטן פונם סאָציאַל־דעמאָ־

קראַטישן מוסטער, שטערט, ווי די אַנאַרכיסטן, דורך זיין לייקענען דעם פּאָליטישן קאמף (ספּעציעל דעם רעוואָלוציאָנערן פּארלאמענטאריזם) און די רעוואָלוציאָנערע דיקטאטור פונם פּראָלעטאריאַט, דורך זיין פּריידיקן פאך־דעצענטראַליזם אין דער אַרבעטער־באוועגונג בכלל, אין דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג בפרט, דורך זיין פאַרוואַרפן די פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, דורך זיין לייקענען די נויטווענדיקייט פון אַן אויפשטאַנד און דורך זיין איבערשאַצן דעם גענעראַל־סטרייק („די טאַקטיק פון צונויפגעלייגטע הענט"), דער רעוואָלוציאָנירונג פון די אַרבעטער־מאַסן אומעטום, וואו ער האָט נאָר וועלכן ניט איז איינפלוס. זיינע אָנפאַלן אויפן פ. ס. פּ. ר., וועלכע זיינען פארבונדן מיט לייקענען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור בכלל, שטעלן אים אין דער הינזיכט אַוועק אויף איין ברעט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אָט די אַלע שטרעמונגען און ריכטונגען זיינען מסכים מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דעם הויפּט־שונא פון דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע, אין דער גרונט־פראגע פון פּאָליטיק, די פראַגע וועגן דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט.

דעריבער טרעטן זיי אַלע אַרויס מער אָדער ווייניקער באַשטימט אין איין פראָנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קעגן דעם פּ. ס. ס. ר. פון דער אַנדער זייט שטיצט זיך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אינגאַנצן און פולשטענדיק פאַרראַטן דעם מאַרקסיזם, אַלץ מער און מער אויף דער אידעאָלאָגיע פון די פאַביאַנער, קאָנסטרוקטיווע און גילד־סאָציאַליסטן. אָט די שטרעמונגען פאַרוואנדלען זיך אין דער אָפיציעלער ליבעראַל־רעפאָרמיסטישער אידעאָלאָגיע פונם בורזשואזן „סאָציאַליזם" פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין די קאָלאָניאַלע לענדער און צווישן די אונטערדריקטע פעלקער און ראַסן בכלל שטויסט זיך דער קאָמוניזם צונויף אין דער אַרבעטער־באוועגונג מיט דעם איינפלוס פון אייגנאַרטיקע שטרעמונגען, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער פאַזע פון דער אַנטוויקלונג געשפּילט אַ געוויסע פּאָזיטיווע ראָלע, נאָר

וועלכע ווערן א רעאקציאָנערע קראפט אויפן נייעם עטאַפּ פון אנט־וויקלונג.

דער סון־יאַט־סעניזם אין כינע איז די אידעאָלאָגיע פון אַ קליינבירגערלאכן, פּאָלקיסטישן „סאָציאַליזם". אין דער לערע וועגן די „דריי פּרינציפּן" (נאַציאָנאַליזם, דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם) האָט דער באגריף פּ אָ ל ק פאַרדעקט און באהאלטן דעם באַגריף ק ל א ס ן, דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַרגעשטעלט ניט אלס ספּע־ציפישער און באזונדערער אופן פון פּראָדוקציע, וואָס ווערט פאַר־ווירקלאכט דורך אַ באזונדערן, קלאַסן־טרעגער, דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אלס אַן אומבאַשטימטער געזעלשאפטלאכער וואוילזיין; דער קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם איז ניט געווען צוזאַמענגעבונדן מיט די פּערספּעקטיוון פון דער אנטוויקלונג פונם קלאַסן־קאַמף אינווייניק אין לאַנד. דעריבער האָט דער סון־יאַט־סעניזם, האָבנדיק געשפּילט אויף דער ערשטער שטופּע פון דער כינעזישער רעוואָלוציע אַ ריזיקע פּאָזיטיווע ראָלע, זיך פאַרוואַנדלט אלס רעזולטאַט פון דער ווייטער־דיקער קלאַסן־דיפערענציאַציע אינם לאַנד און דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, אין קייטן אויף איר אנט־וויקלונג אנשטאָט דער אידעאָלאָגישער פאָרמע פון אָט דער אנט־וויקלונג. די עפּיגאָנען פון סון־יאַט־סעניזם, פאַנאַנדערבלאָזנדיק מיט אלע מעגלאכקייטן גראָד די פון זיינע אידעאָלאָגישע שטריכן, וועלכע זיינען געוואָרן אָביעקטיוו רעאקציאָנער, האָבן אים דערמיט גופא פאַרוואַנדלט אין דער אָפיציעלער אידעאָלאָגיע פון דעם קוא־מינטאַנג, וועלכער איז געוואָרן אַן אָפענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קראַפט. דער אידעאָלאָגישער וואוקס פון די מאַסן פונם כינעזישן פּראָלעטאַריאַט און פונם האָרעפּאַשנעם פּויערטום מוז, פאָלגלאך, באגלייט ווערן דורך אַן אנטשיידענעם קאַמף קעגן דער אָפּנאַרעריי פון דעם קואָמינטאַנג און דורך גובר זיין די רעשטן פון דער אידעאָ־לאָגיע פון סון־יאַט־סעניזם.

אזוינע שטרעמונגען, ווי דער ג אַ נ ד י ז ם אין אינדיע, וועלכע זיינען דורך־און־דורך אָנגעזאַפּט מיט רעליגיעזע פאַרשטעלונגען, וועלכע אידעאַליזירן די אָפּגעשטאַנענסטע און עקאָנאָמיש רעאַק־ציאָנערסטע פאָרמען פון לעבן, וועלכע זעען אַן אויסגאַנג ניט אין

דעם פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, נאָר אין א צוריקקער צו אַט די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען, וועלכע פריידיקן פּאַסיוויקייט און אָפּלייקענונג פונם קלאַסן־קאַמף, פּאַרוואַנדלען זיך אינם פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין אַן אָפּן רעאַקציאָנערע קראַפט. דער גאַנדיזם ווערט אַלץ מער א אידעאָלאָגיע וואָס איז געווענדט קעגן דער רעוואָלוציע פון די פּאָלקס־מאַסן. ער דאַרף זיין א געגנשטאַנד פון אַנטשיידנדיקן קאַמף מצד דעם קאָמוניזם.

דער האַרוויזם, וועלכער איז פריער געווען די אידעאָלאָגיע פון די נעגערשע קליינע אייגנטימער און אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלכער האָט נאָך איצט אויך א געוויסן איינפלוס אויף די נעגערשע מאַסן, איז אויך אין דער איצטיקער צייט געוואָרן א שטערונג אויפן וועג פון רעוואָלוציאָניזירן אַט די מאַסן. ער, וואָס איז לכתחילה אַרויסגעטראָטן פאַר פולע געזעלשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פון די נעגערס, האָט זיך פּאַרוואַנדלט אין אַ אייגנאַרטיקן נעגערשן „ציוניזם", וועלכער האָט, אַנשטאָט דעם קאַמף קעגן דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם, אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „צוריק קיין אַפריקע!" אַט די געפערלאַכע אידעאָלאָגיע, וועלכע פאַרמאָגט ניט קיין שום אמת־דעמאָקראַטישע שטריכן, וועלכע שפּילט זיך מיט די אַריסטאָקראַטישע אַטריבוטן פון דעם ניט־עקזיסטירנדיקן „נעגערשן קעניגרייך", מוז באַגעגנען אַ שאַרפן ווידערשטאַנד, ווייל זי העלפט נישט, נאָר, פאַרקערט, זי שטערט דעם באַפרייערישן מאַסן־קאַמף פון די נעגערס קעגן דעם אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם.

אַנטקעגן אַט די אַלע שטראָמונגען שטייט דער פּראָלעטאַרישער קאָמוניזם. זייענדיק די גרויסע אידעאָלאָגיע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס, אונטערשיידט ער זיך פון אַט די אַלע שטראָמונגען, אין דער ערשטער ליניע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, מיט דעם וואָס, אין פולן הסכם מיט דער לערע פון מאַרקס־ענגלס, פירט ער אַ טעאָרעטישן און פּראַקטישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, דערביי אַנווענדיקנדיק אַלע פאָרמען פון פּראָלעטאַרישער מאַסן־האַנדלונג.

2. די גרונט-אויפגאַבן פון קאָמוניסטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק.

דער דערפאָלגרייכער קאַמף פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פאַר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט זעצט פאָראויס די עקזיסטענץ אין יעדן לאַנד פון אַ צוזאַמענגעשלאָסענער, אין שלאַכטן פאַרהאַרטעוועטער, דיסציפּלינירטער, צענטראַליזירטער, קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז ענג צוזאַמענגעבונדן מיט די מאַסן.

די פּאַרטיי איז דער אַוואַנגאַרד פונם אַרבעטער-קלאַס, אַן אַוואַנגאַרד וואָס באַשטייט פון די בעסטע, באַוואוסטזיניקסטע, אַקטיוועסטע און מוטיקסטע מיטגלידער פונם קלאַס. זי פאַרקערפּערט דעם סכום דערפאַרונג פון דעם גאַנצן פּראָלעטאַרישן קאַמף. געשטיצט אויף דער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע פונם מאַרקסיזם, פאַרטרעטנדיק די אַלגעמיינע און דויערנדיקע אינטערעסן פונם קלאַס אַלס גאַנצעם, פּערזאָניפיצירט די פּאַרטיי די איינהייט פון פּראָלעטאַרישע פּרינציפּן, פּראָלעטאַרישן ווילן, פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער האַנדלונג. זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געבונדן דורך אַן אײַזערנער דיסציפּלין און דער שטרענגסטער רעוואָלוציאָנערער אָרדנונג פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, וואָס דאָס ווערט דערגרייכט דורך דער באַוואוסטזיניקייט פונם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד און זיין איבערגעגעבנקייט דער רעוואָלוציע, זיין קענען שטיין אין אַן אומצוריייסבאַרער פאַרבינדונג מיט די פּראָלעטאַרישע מאַסן, דורך דער ריכטיקייט פון פּאָליטישער פירערשאַפט, וואָס ווערט אויסגעפּרופט און דערקלערט אויף דער דערפאַרונג פון אָט די מאַסן.

כדי צו לייזן די היסטאָרישע אויפגאַבע פון עראָבערן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, דאַרף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קודם כל אויפשטעלן און אויספירן די פאָלגנדיקע פונדאַמענטאַלע סטראַטעגישע צילן:

אַריבערגעווינען אונטער איר איינפלוס אַ מערהייט מיטגלידער פון דעם אייגענעם קלאַס,

אַריינגערעכנט די פֿרויען־אַרבעטערינס און אַרבעטער־יוגנט. כּדי דאָס צו דערגרייכן, איז נויטיק צו פֿאַרזיכערן אַן אַנטשיידנדיקן איינפֿלוס פֿון דער קאָמפּאַרטיי אויף די ברייטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פֿונם פּראָלעטאַריאַט (סאָוועטן, פּראָפֿפֿאַראיינען, פֿאַבקאָמען, קאָאָפּעראַטיוון, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַז. וו.). אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג, פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון אַריבערגעווינען די מערהייט פֿונם פּראָלעטאַריאַט, האָט דאָס אַריבערנעמען די **פּראָפֿפֿאַראיינען**, אָט די אמת'ע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פֿונם אַרבעטער קלאַס, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט זיין טאָג־טעגלאַכן קאַמף. אַרבעטן אין די רעאַקציאָנערע פּראָפֿפֿאַראיינען און וויסן ווי זיי אַריבערצונעמען, געווינען דעם צוטרוי פֿון די ברייטע פּראָפֿעסיאָנאַל־אָרגאַניזירטע מאַסן, אַראָפּזעצן און „אַראָפּנעמען פֿון די פּאָסטנס" די רעפֿאָרמיסטישע פֿירער — דאָס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿון דעם צוגרייטונג־פּעריאָד.

די עראָבערונג פֿון דער דיקטאַטור פֿונם פּראָלעטאַריאַט זעצט אויך פֿאָראויס די פֿאַרווירקלאַכונג פֿון דער העגעמאָניע פֿונם פּראָלעטאַריאַט איבער **ברייטע קרייזן פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן**. כּדי דאָס צו פֿאַרווירקלאַכן, מוז די קאָמפּאַרטיי אַריבערגעווינען אונטער איר איינפֿלוס די מאַסן פֿון דער שטאָטישער און דאָרפֿישער אָרימקייט, די נידעריקסטע שיכטן פֿון דער אינטעליגענציע, פֿון די אַזוי גערופֿענע „קליינע מענטשאַלאַך", ד. ה. פֿון די קליין־בירגערלאַכע שיכטן בכלל. אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג האָט די אַרבעט פֿון פֿאַרזיכערן דעם איינפֿלוס פֿון דער פּאַרטיי אין **פּויערטום**. די קאָמפּאַרטיי דאַרף זיך באַוואָרענען מיט אַ פֿולער שטיצע פֿון די שיכטן פֿונם דאָרף, וואָס זיינען אָמנאָענטסטן צו דעם פּראָלעטאַריאַט, נעמלאַך, די לאַנדווירטשאַפֿטלאַכע אַרבעטער און דאָרפֿישע אָרימקייט. צוליב דעם איז נויטיק אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פֿון די דאָרפֿישע אַרבעטער, אַן אַלזייטיקע שטיצע פֿאַר זייער קאַמף קעגן דער דאָרפֿישער בורזשואַזיע און אַן ענערגישע אַרבעט צווישן דעם פּאַרצעלן־פּויערטום און דעם קליינעם פּויערטום. בנוגע די מיטעלע שיכטן פֿונם פּויערטום דאַרף די קאָמפּאַרטיי (אויף וויפֿיל עס רעדט זיך וועגן לענדער פֿון אַנט־

וויקלטן קאַפּיטאַליזם) דורכפירן א פּאָליטיק פון זייער נייטראַליזאַ־ציע. די לייזונג פון אָט די אַלע אויפגאַבן דורכן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ער ווערט דער טרעגער פון די אינטערעסן פונם גאַנצן פאָלק און אַן אַנפירער פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן אין זייער קאַמף קעגן דעם דרוק פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, איז אַן אומבאַדינגטע פאָראויסזעצונג פון אַ זיגרייכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.

פונם שטאַנדפּונקט פונם וועלט־קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט זיינען די וויכטיקסטע סטראַטעגישע אויפגאַבן פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל די אויפגאַבן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף **אין די קאָלאָניעס, האַלב־קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער**. אָט דער קאַמף זעצט פאַראויס, אַז מען האָט איבערגעוואונען אונטער די פאָנען פון דער רעוואָלוציע ברייטע מאַסן פונם קאָלאָניאַלן אַרבעטער־קלאַס און פּויערטום ,וואָס דאָס איז אוממעגלאַך אָן דער ענגסטער ברידער־לאַכער צוזאַמענאַרבעטונג צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון די אונ־טערדריקענדיקע נאַציעס און די האָרעפּאַשנע מאַסן פון די אונטער־דריקטע נאַציעס.

אָרגאַניזירנדיק די רעוואָלוציע קעגן אימפּעריאַליזם אונ־טער דער פאָן פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין די אַזוי גערופענע „ציוויליזירטע גרויס־מעכט״, שטיצט דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל יעדע באַוועגונג קעגן אימפּעריאַליסטישער געוואַלט אין די קאָלאָניעס, האַלב־קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע לענדער (אַשטייגער, אין לאַטייניש אַמעריקע) ; ער פירט א פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַלע סאָרטן שאָוויניזם און דער אימפּעריאַליסטישער באַליידיקנדיקער האַלטונג בנוגע גרויסע און קליינע פאַרשקלאַפטע פעלקער און ראַסן (באַציאונג צו די נעגערס, צו „געלער אַרבעט״, אַנטיסעמיטיזם און אַז. וו.), און שטיצט דעם קאַמף פון די לעצטע קעגן דער בור־זשואַזיע פון דער אונטערדריקנדיקער נאַציע. באַזונדער ענערגיש פירט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל א קאַמף קעגן דעם שאָוויניזם אין די נאַציעס פון די גרויס־מעכט, א שאָוויניזם, וואָל־כער ווערט געפּריידיקט סיי דורך דער אימפּעריאַליסטישער בור־זשואַזיע, סיי דורך איר סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַגענטור — דעם

צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, אַרויסשטעלנדיק נאָכאַנאַנד קעגן דער פּראַקטיק פון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע די פּראַקטיק פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט פאַרווירקלאַכט ברידערלאַכע באַציאונגען צווישן גלייך־באַרעכטיקטע פעלקער.

אין די לענדער פון *אימפּעריאַליזם* דאַרפן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אַרויסווייזן אַ סיסטעמאַטישע הילף די קאָלאָניאַלע באַפרייעריש־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און די באַוועגונגען פון אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן בכלל. אָט די פליכט פון אַרויסווייזן אַן אַקטיווע הילף פאַלט קודם כל אויף די הענט פון די אַרבעטער פון יענעם לאַנד, פון וועלכן די אונטערדריקטע נאַציע איז אָפּהענגיק אין פינאַנץ־עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער הינזיכט. די קאָמפּאַרטייען דאַרפן אָפן אַנערקענען דאָס רעכט פון די קאָלאָניעס זיך אָפּצוטיילן, און זיי דאַרפן פּראָפּאַגאַנדירן אָט די אָפּטיילונג, ד. ה., פּראָפּאַגאַנדירן די אומאָפּהענגיקייט פון די קאָלאָניעס פון דער אימפּעריאַליסטישער מלוכה, אַנערקענען זייער רעכט אויף באַוואָפנטן שוץ קעגן אימפּעריאַליזם (ד. ה., אויף אויפשטאַנד און רעוואָלוציאָנערער מלחמה), פאַרטיידיקן און אַקטיוו אונטערשטיצן אָט דעם שוץ דורך אַלע מעגלאַכע מיטלען. די זעלביקע ליניע איז אָבליגאַטאָריש פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויך בנוגע אַלע אונטערדריקטע נאַציעס.

אין די *קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע* לענדער גופא זיינען די קאָמוניסטן מחויב צו פירן דעם מוטיקסטן און קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם, דערביי אומבאַדינגט פּראָפּאַגאַנדירנדיק די אידייע פון אַ דערנענטערונג און אַ פאַרבאַנד מיטן פּראָלעטאַריאַט פון די אימפּעריאַליסטישע לענדער; עס איז זייער פליכט אָפן אַרויסצושטעלן, פּראָפּאַגאַנדירן און דורכפירן אין לעבן דעם לאָזונג פון אַן אַגראַר־רעוואָלוציע, אויפהויבנדיק די ברייטע מאַסן פונם פויערטום אויף אָראָפּצוואַרפן דעם יאָך פון די פּריצים און פירנדיק אַ קאַמף קעגן דעם רעאַקציאָנערן און מיטלאַלטערלאַכן איינפלוס פון די גלחים, די מיסיאָנערן און ענלאַכע עלעמענטן.

די גרונט־אויפגאַבע איז דאָ די *זעלבסטשטענדיקע*

אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער און פּויערים (אַ קאָמוניסטישע קלאַסן־פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט, פּראָפּפאַראיינען, פּויערשע פאַראיינען און קאָמיטעטן, אין די באַדינגונגען פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע — סאָוועטן א. אַ. וו.) און זייער באַפרייאונג פון אונטער דער ווירקונג פון דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, מיט וועמען עס זיינען דערלאָזבאַר צייטווייליקע פאַרשטענדנישן נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זי שטערט נישט דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער און פּויערים און פירט אַן אמת׳ן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

באַשטימענדיק איר **טאַקטישע** ליניע, מוז יעדע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַרעכענען די קאָנקרעטע אינווייניקסטע און אויסווייניקסטע סביבה, די פאַרהעלטניש פון קלאַסן־קרעפטן, די שטופע פון דער צוגעגרייטקייט פונם פּראָלעטאַריאַט, די פּאָזיציע פון די שיכטן וואָס געפינען זיך אין מיטן א. אַ. וו. אָפּהענגיק פון די אַלע באַדינגונגען, באַשטימט די פּאַרטיי אירע לאָזונגען און די מעטאָדן פון איר אַרבעט, אַרויסגייענדיק פון דער נויטווענדיקייט צו מאָביליזירן און אָרגאַניזירן אַזוינע ברייטע מאַסן ווי עס איז נאָר מעגלאַך אויף אַזאַ העכער מדרגה פון דעם קאַמף ווי עס איז נאָר מעגלאַך. אַרויסשטעלנדיק אַ ריי איבערגאַנגס־לאָזונגען דאָרט, וואו עס בילדעט זיך אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, און אַרויסשטעלנדיק אַ ריי טייל־פּאָדערונגען, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער קאָנקרעטער סביבה, דאַרף די פּאַרטיי אונטערוואַרפן אָט די פּאָדערונגען און אָט די לאָזונגען אונטער איר רעוואָלוציאָנערן ציל פון פאַרכאַפּן די מאַכט און אומוואַרפן די בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. מען טאָר ניט דערלאָזן סיי אַן אָפּגעריסנקייט פון די טאָג־טעגלאַכע נויטן און דעם טאָג־טעגלאַכן קאַמף פון דעם אַרבעטער קלאַס, סיי באַגרענעצן די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי מיט אָט די טאָג־טעגלאַכע נויטן און טאָג־טעגלאַכן קאַמף. עס איז די אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי, **אַרויסגייענדיק** פון אָט די אַלטעגלאַכע קליינע נויטן, צו פירן דעם אַרבעטער־קלאַס צו דעם **רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר מאַכט**.

דאָרט, וואו עס **איז דאָ אַ רעוואָלוציאָנע־**

ר ע ר א ו י פ ש ט י י ג , ווען די הערשנדיקע קלאסן זיי־
נען דעזאָרגאניזירט, ווען די מאסן געפינען זיך אין א צושטאנד
פון רעוואָלוציאָנערן יוירן, ווען די מיטל־שיכטן וואַקלען זיך אין
דער זייט פונם פראָלעטאריאַט, ווען די מאסן זיינען גרייט אויף
אַרויסטרעטונגען און קרבנות, שטעלט זיך פאַר דער פּארטיי פונם
פּראָלעטאַריאט די אויפגאבע צו פירן זיי אין א דירעקטער אטאקע
אויף דער בורזשואזער מלוכה. דאָס ווערט דערגרייכט דורך דער פּראָ־
פּאַגאנדע פון אלץ מער פארשארפטע איבערגאנג־לאָזונגען (דער לאָ־
זונג פון סאָוועטן, פון ארבעטער־קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע,
דער לאָזונג פון פויערישע קאָמיטעטן צו פאַרכאַפּן די פּריצישע ערד,
דער לאָזונג פון אנטוואפענען די בורזשואַזיע און באוואפענען דעם
פּראָלעטאַריאט און אז. וו.) און דורך דער אָרגאַניזירונג פון מ א ס ן
אַ ר ו י ס ט ר ע ט ו נ ג ע ן , וואָס אלע צווייגן פון פּארטייאישע
אגיטאַציע און פּראָפּאַגאנדע, אריינגערעכנט די פּאַרלאמענטאַרישע,
דארפן זיי זיין אונטערגעוואָרפן. צו אָט די מאסן־אַרויסטרעטונגען
געהערן: סטרייקס, פאַרבינדונג פון סטרייקס מיט דעמאָנסטראַציעס,
לאָך, אַ גענעראַל־סטרייק צוזאמען מיט א באוואָפנטן אויפשטאַנד
קעגן דער מלוכה־מאַכט פון דער בורזשואַזיע. די לעצטע העכסטע
פּאַרמע פון קאמף שטיצט זיך אויף די כללים פון מיליטערישער
קונסט, זי זעצט פאָראויס א מיליטערישן פלאן, אן אָפענסיוור־
כאראקטער פון די שלאכט־אָפּעראציעס, און אומענדלאך טיפע
איבערגעבנקייט און העראָאיזם פונם פּראָלעטאַריאַט. אַזוינע
אַרויסטרעטונגען מוזן אומבאַדינגט האָבן אַלס זייער פאָראויסזעצונג
די אָרגאַניזירונג פון די ברייטע מאסן אין קאמף־פאראייניקונגען,
וועמעס פּאַרמע גופא נעמט ארום און ברענגט אין באַוועגונג די
גרעסטע צאָל האָרעפּאשניקעס (סאָוועטן פון ארבעטער און פויערים
דעפּוטאַטן, סאָלדאטישע סאָוועטן און אנד.); זיי זעצן פאראויס א
פאַרשטאַרקטע רעוואָלוציאָנערע ארבעט אין דער ארמיי און פלאָט.

ביים איבערגאנג צו נייע שארפערע לאָזונגען דארף מען זיך
האַלטן אָן דעם גרונט־כלל פון דער פּאָליטישער טאַקטיק פון לעני־
ניזם, וועלכע פאָדערט, אז מען זאָל קענען צופירן די מאסן צו רע־
וואָלוציאָנערע פּאָזיציעס אזוי, אז די מאסן זאָלן אליין, אויף זייער

אייגענער דערפאַרונג, זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון דער פּאַרטיי־ליניע. דאָס נישט אויספאָלגן אָט דעם כלל פירט אומפאַרמיידלאַך צו אן אפּגעריסנקייט פון די מאַסן, צו פּוטשיזם און צו אן אידעאָלאָגישער דעגענעראַציע פון קאָמוניזם אין „לינקען" דאָקטרינאַריזם, אין קליינבירגערלאַכן „רעוואָלוציאָנערן" אַוואַנטוריזם. נישט ווייניקער געפערלאַך איז דאָס ניט אויסנוצן דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט אין דער אנטוויקלונג פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע, ווען פון דער פּאַרטיי פונם פּראָלעטאַריאַט פאָדערט זיך א דרייסטע און אנטשלאָסענע אַטאַקע אויפן שונא. דורכלאָזן אזא סביבה און ניט אָנהויבן קיין אויפשטאַנד הייסט איבערגעבן די איניציאַטיווע דעם געגנער און פאַראורטיילן די רעוואָלוציע אויף א דורכפאַל.

דאָרט, וואו עס איז נישטאָ קיין רעוואָלוציאָנערער אויפשטייג, דאַרפן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, ארויסגייענדיק פון די טאָג־טעגלאַכע נויטן פון די האָרעפּאַשניקעס, ארויסשטעלן טייל־לאָזונגען און פאָדערונגען, פאַרבינדנדיק זיי מיט די גרונט־אויפגאַבן פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דערביי דאַרפן פונדעסטוועגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען ניט ארויסשטעלן אזוינע איבערגאַנג־לאָזונגען, וועלכע זיינען ספּעציעל אויסגערעכנט אויף דער עקזיסטענץ פון רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע און אויסער איר פאַרוואַנדלען זיי זיך אין לאָזונגען פון אריינוואַקסן אינ'ם סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס (צום ביישפּיל, דער לאָזונג פון ארבעטער־קאָנטראָל און אז. וו.). די טייל־פאָדערונגען און לאָזונגען זיינען א נויטווענדיקע באַדינגונג פון א ריכטיקער טאַקטיק בכלל, בשעת די ריי איבערגאַנג־לאָזונגען איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע. פון דער אנדערער זייט איז א „פּרינציפּיעלער" אָפּזאָג פון טייל־פאָדערונגען און איבערגאַנג־לאָזונגען ניט פאַראייניבאַר מיט די טאַקטישע פּרינציפּן פון קאָמוניזם, ווארום ער פאַראורטיילט אין דער ווירקלאַכקייט די פּאַרטיי אויף פּאַסיווקייט און רייסט זי אָפּ פון די מאַסן. דערביי

גייט די טאַקטיק פון אַן איינהייטס־פראָנט, אַלס אַ מיטל פון דעם ערפאָלגרייכסטן קאַמף קעגן קאַפּיטאַל, פון דער קלאַסן־מאָביליזאַציע פון די מאַסן, דער אויפדעקונג און איזאָלירונג פון די רעפאָרמיסטישע אויבערשטע גרופּן, אַריין אַלס דער וויכטיקסטער באַשטאַנד־טייל אין דער טאַקטיק פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פאַר דעם גאַנצן פאַר־רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד.

די ריכטיקע אָנווענדונג פון דער טאַקטיק פונם איינהייטס־פראָנט און די לייזונג פון דער אויפגאַבע וועגן אַריבערציען די מאַסן בכלל, ועצט פאָראויס, פון איין זייט, אַ סיסטעמאַטישע און איינגעשפּאַרטע אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונם פּראָלעטאַריאַט. דאָס געהערן צו אַ פּראָפפאַראיין, אפילו צום רעאַקציאָנערסטן, וועלכער איז אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, איז אַ דירעקטע פליכט פון יעדן קאָמוניסט. נאָר דורך אַ שטענדיקער און קאָנסעקווענטער אַרבעט אין די פּראָפפאַראיינען און די אונטערנעמונגען מיטן צוועק אָמבעסטן און ענערגישסטן צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, דערביי פירנדיק אַן אומדערבאַרמדיקן קאַמף קעגן דער רעפאָרמיסטישער ביוראָקראַטיע, קען מען עראָבערן די פירערשאַפט אין דעם קאַמף פון די אַרבעטער און צוציען אויף דער זייט פון דער פּאַרטיי די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אין פּראָפפאַראיינען.

אין קעגנזאַץ צו דער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק פון די רעפאָרמיסטן, קעמפן די קאָמוניסטן פאַר דער איינִיקייט פון די פּראָפפאַראיינען אין יעדן לאַנד און אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אויפן באַזיס פונם קלאַסן־קאַמף, שטיצנדיק און פאַרשטאַרקענדיק מיט אַלע מיטלען די אַרבעט פונם רויטן אינטערנאַציאָנאַל פון די פּראָפפאַראיינען (פּראָפינטערן).

אַרויסטרעטנדיק אומעטום מיט אַ פאַרטיידיקונג פון די דרינ־

גענדע טאָג־טעגלאכע נויטן פון דער ארבעטער־מאסע און פון דער מאַסע האָרעפּאשניקעס בכלל, אויסנוצנדיק אין די אינטערעסן פון רעוואָלוציאָנערער אגיטאַציע און פּראָפּאַגאנדע די טריבונע פונם בורזשואזן פּארלאַמענט, אונטערוואַרפנדיק אַלע טייל־אויפגאבן אונטער די צילן פון קאמף פאר דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, שטעלן די פּאַרטייען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַצינאַל ארויס טייל־פאָדערונגען און לאָזונגען אין די פאָלגנדיקע הויפּט־געביטן:

אינם געביט פון דער *אַרבעטער־פּראַגע* אינם ענגען זין פון וואָרט — די פראגן פון *עקאָנאָמישן קאַמף* (קאַמף קעגן דער אָפענסיווע פונם טראָסטיפיצירטן קאַפּיטאַל, פראגן פון אַרבעטס־לוין, ארבעטס־טאָג, צוואנגס־ארביטרײַשאָן, ארבעטסלאָזיקייט), וועלכע גייען איבער אין פראגן פון אלגעמיין־פּאָליטישן קאַמף (גרויסע אינדוסטריעלע קאָנפליקטן, דאָס רעכט פון פּאַראײנען און סטרייקס און אז. וו.); פּראַגן, וועלכע האָבן א דירעקטן *פּאָליטישן* כאראקטער (שטייער, יקרות, פּאַשיזם, פּארפאָלגונג פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, ווייסער טעראָר, די לויפנדיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג בכלל); ענדלאך, פּראגן פון דער *וועלט־פּאָליטיק*; באַציאונג צו דעם פּ. ס. ס. ר. און די קאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס, קאַמף פאר דער אײנהייט פון דער אינטערנאַציאָנאלער און פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג, קאַמף קעגן אימפּעריאליזם און דער קריגס־געפאר, סיסטעמאַטישע צוגרייטונג צום קאַמף קעגן דער אימפּעריאליסטישער *מלחמה*.

אויפ'ן געביט פון דער *פּויערים*־פּראגע זיינען אזוינע טייל־פאָדערונגען די יעניקע, וועלכע האָבן א שייכות צו דער שטייער־פּאָליטיק, צו די מאָרטגיידזש חובות פונם פויערטום, צום קאַמף קעגן וואוכער־קאַפּיטאַל, צו דער לאנד־נויט פון די פּויערים מיט ווייניק ערד, צו דער רענט און ארבעט פאר א טייל פּראָדוקט און אז. וו. ארויסגייענדיק פון אָט די טייל־נויטן, דאַרף די קאָמוניסטישע פּארטיי פארשארפן די אנטשפּרעכנדיקע לאָזונגען, פארבאלגעמיינערנדיק זיי אינם לאָזונג פון קאָנפיסקירן די ערד פון די גרויסע אייגנטימער, דעם לאָזונג פון א פּראָלעטאַריש־פּויערשער

רעגירונג (סינאָנים פון פראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין די אַנט־וויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סינאָנים פון דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער און אין אַ ריי קאָלאָניעס).

אויך דאַרף מען פירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט צווישן דער פּראָלעטאַרישער און פּויערשער יוגנט (הויפּטזעכלעך דורך דעם קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סעקציעס) און צווישן די פרויען אַרבעטערקעס און פּויערטעס, אַרויסגייענדיק פון די באַזונדערע באַדינגונגען פון זייער לעבן און קאַמף און פאַר־בינדנדיק זייערע פאָדערונגען מיט די אַלגעמיינע פאָדערונגען פון קאַמף־לאָזונגען פונם פּראָלעטאַריאַט.

אויפן געביט פון קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג פון די קאָ־לאָניאַלע פעלקער דאַרפן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אַרויסשטעלן אין די קאָלאָניעס גופא טייל־פאָדערונגען, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער ספּעציפישער סביבה אין זיי, ווי: פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע נאַציעס און ראַסן; אָפּשאַפן אַלע פּרי־ווילעגיעס פאַר אויסלענדער; פרייהייט פאַר אָרגאַניזאַציעס פון אַר־בעטער און פּויערים; פאַרקירצונג פונם אַרבעטס־טאָג; פאַרבאָט פון קינדער־אַרבעט; פאַרניכטונג פון וואוכעריש־פאַרשקלאַפנדיקע אָפּמאַכן; פאַרקלענערונג און פאַרניכטונג פון רענט, פאַרקלענערונג פון שטייערן; באַיקאָט אויף די שטייערן און אַז. וו. אָט די אַלע טייל־לאָזונגען דאַרפן זיין אונטערגעוואָרפן אונטער די גרונט־פאָדערונגען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, נעמלעך: פולע פּאָ־ליטישע אומאָפּהענגיקייט פונם לאַנד און פאַרטרייבונג פון די אימ־פּעריאַליסטן, אַ רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים, די ערד דעם גאַנצן פאָלק, אַן אַכט־שעה׳דיקער אַרבעטס־טאָג און אַז. וו. אין די לענדער פון אימפּעריאַליזם זיינען די קאָמוניסטישע פּאַר־טייען פאַרפליכטעט, שטיצנדיק אָט דעם קאַמף אין די קאָלאָניעס גופא, דורכפירן אַ קאַמפּאַניע פאַר צוריקרופן די אימפּעריאַליסטישע אַרמייען, פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין די אַרמייען אונם פלאָט צו פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע לענדער, וואָס קעמפן פאַר זייער

באפרייאונג, מאָביליזירן די מאסן צו באַיקאַטירן דעם טראנספּאָרט פון מיליטער און געווער, אָרגאַניזירן און פארבינדונג דערמיט סטרייקס און אנדערע פאָרמען פון מאסן־פּראָטעסט און אז. וו.

א באַזונדערע אויפמערקזאמקייט דארף דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל ווידמען דער סיסטעמאַטישער צוגרייטונג פון קאמף קעגן דער געפאר פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות. אן אומדערבארעמדיקע אויפדעקונג פונם סאָציאַל־שאָוויניזם, סאָציאַל־אימפּעריאליזם, פאציפיסטישע פראזן, וואָס פארדעקן די אימפּעריאַליסטישע פּלענער פון דער בורזשואַזיע; פּראָפּאַגאַנדע פון די גרונט־לאָזונגען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל; א טאָג־טעגלאכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט אין אָט דער ריכטונג, וואו עס ווערן אומבאַדינגט פאראייניקט לעגאַלע און אומלעגאַלע מעטאָדן פון ארבעט; אן אָרגאַניזירטע ארבעט אין דער ארמיי און פלאָט — דאָס דארף זיין די טעטיקייט פון די קאָמוניסטישע פארטייען. די גרונט־לאָזונגען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין פארבינדונג דערמיט דארפן זיין די פאָלגנדיקע: פארוואנדלען די אימפּעריאליסטישע מלחמה אין א בירגער־קריג; די מפּלה פון דער „אייגענער" אימפּעריאליסטישער רעגירונג; שיצן מיט אלע מיטלען דעם פ. ס. ס. ר. און די קאָלאָניעס אין פאל פון אן אימפּעריאליסטישער מלחמה קעגן זיי. פּראָפּאַגאַנדירן אָט די לאָזונגען, אויפדעקן די „סאָציאַליסטישע" פארמאסקירונג פון דער פעלקער־ליג; שטענדיק דערמאָנען די דער־פארונג פונם קריג פון 1914-1918 — דאָס איז די אומבאַדינגטע פליכט פון אלע סעקציעס און פון יעדן מיטגליד פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

כדי צו קאָאָרדינירן די רעוואָלוציאָנערע ארבעט און די רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען און כדי דערפאָלגרייכער זיי אָנצופירן, דארף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט האָבן אן אינטערנאַציאָנאַלע קלאַסן־דיסציפּלין, וועמעס וויכטיקסטע פאָראויסזעצונג איז די שטרענגע אינטערנאַציאָנאַלע דיסציפּלין אין די קאָמוניסטישע רייען. אָט די אינטערנאַציאָנאַלע

קאָמוניסטישע דיסציפּלין דאַרף זיך אויסדריקן אין אונטערוואַרפן די טיילווייזע און לאָקאַלע אינטערעסן פון דער באַוועגונג אונטער אירע אַלגעמיינע און דויערנדיקע אינטערעסן און אין אַן אומבאַדינגטן אויספילן דורך אַלע קאָמוניסטן די באַשלוסן פון די פירנדיקע אָרגאַנען פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין קעגנזאַץ צו דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועמעס יעדע פּאַרטיי וואַרפט זיך אונטער דער דיסציפּלין פון דער „אייגענער" נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע און איר „פאָטערלאַנד", קענען די סעקציעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל נאָר איין דיסציפּלין — די דיסציפּלין פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע פאַרזיכערט דעם זיגרייכן קאַמף פון די אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַר דער פּראָלעטאַרישער וועלט-דיקטאַטור. אין קעגנזאַץ צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער שפּאַלט פאַנאַנדער די פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען, וועלכע פירט אַ קאַמף קעגן די קאָלאָניאַלע פעלקער און פּראַקטיצירט אייניקייט מיט דער בורזשואַזיע, איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטייט אויף דער וואַך פון דער אייניקייט פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, אויף דער וואַך פון דער אייניקייט פון די האַרעפּאַשניקעס פון אַלע ראַסן און אַלע פעלקער אין זייער קאַמף קעגן דעם יאָך פון אימפּעריאַליזם.

די קאָמוניסטן פירן אָט דעם קאַמף מיט זעלבסטלאָזן מוט אויף אַלע טיילן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן-פראָנט, ניט געקוקט אויף דעם בלוטיקן טעראָר פון דער בורזשואַזיע, אין פולער זיכערקייט, אַז דער זיג פונם פּראָלעטאַריאַט איז אומפאַרמיידלאַך און נישט צו באַזייטיקן.

„די קאָמוניסטן האַלטן פאַר איבעריק צו באַהאַלטן זייערע מיינונגען און פּלענער. זיי דערקלערן אָפן, אַז זייערע צילן קענען נאָר דערגרייכט ווערן דורך אַ געוואַלטזאַמען אומוואַרפן פון דער גאַנצער היינטיקער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג.

„זאָלן די הערשנדיקע קלאַסן ציטערן פאַר דעם קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די פּראָלעטאַריער קענען אין איר פאַרלירן נאָר זייערע קייטן; געווינען קענען זיי די גאַנצע וועלט.

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!“

קאָנסטיטוציע און סטאַטוטן פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

I. נאָמען און ציל.

1. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל — די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַסאָציאַציע — איז אַ פאַראיין פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין פאַרשיידענע לענדער; ער איז אַ קאָמוניסטישע וועלט־פּאַרטיי. אַלס אַ פירער און אָרגאַניזירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונם פּראָלעטאַריאַט איבער דער גאַנצער וועלט און אַלס קעמפער פאַר די פּרינציפּן און צילן פון קאָמוניזם, שטרעבט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איבערצוגעווינען די מערהייט פונם אַרבעטער־קלאַס און די ברייטע שיכטן פון דעם אייגנטום־לאָזן פּויערטום; ער קעמפט פאַר דער איינפירונג פון דער דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט איבער דער גאַנצער וועלט פאַר דער באַשאַפונג פון אַ וועלט־פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליקן, פאַר דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון קלאַסן און פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון דעם סאָציאַליזם — די ערשטע שטופע פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

2. די פאַרשיידענע פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווערן אָנגערופן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון . . . . [נאָמען פון לאַנד] (סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל). אין יעדן לאַנד קען זיין נאָר איין קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און שטעלט מיט זיך פאָר זיין סעקציע אין יענעם לאַנד.

3. מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אָפן פאַר אַלע די, וואָס נעמען אָן די פּראָגראַם און די סטאַטוטן פון אַ באַשטימטער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס שליסן זיך אָן אָן איינער פון די פונדאַמענטאַלע איינהייטן (יוניטס) פון אַ פּאַרטיי, אַרבעטן אין איר אַקטיוו, וואַרפן זיך אונטער אַלע באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און צאָלן רעגולער מיטגליד־אָפּצאָל.

4. די פונדאַמענטאַלע איינהייט (יוניט) פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אָרגאַנזאַציע איז דאָס קעמערל אין דעם פּלאַץ, וואו מען איז באַשעפטיקט (פאַבריק, ווערקשטאַט, מינע, אָפיס, קראָם, פאַרם א. אַ. וו.), וואָס פאַראייניקט אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין דער באַשטימטער אונטערנעמונג.

5. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סעקציעס זיינען אויפגעבויט אויפן באַזיס פון דעמאָקראַטישער צענטראַליזאַציע. די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן זיינען: א) דערוויילונג פון די אָנפירנדיקע קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי, נידעריקערע און העכערע (דורך אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון פּאַרטיי־מיטגלידער, קאָנפערענצן, קאָנגרעסן און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן); ב) פּעריאָדישע באַריכטן פון די אָנפירנדע פּאַרטיי־קאָמיטעטן פאַר די, וואָס האָבן זיי געוויילט; ג) באַשלוסן פון העכערע פּאַרטיי־קאָמיטעטן אָבליגאַטאָריש פאַר סובאָרדינירטע קאָמיטעטן; שטרענגע פּאַרטיי־דיסציפּלין און פּינקטלאַכע דורכפירונג פון די באַשלוסן פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פון זיינע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן און פון די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־צענטערס.

פּאַרטיי־פראַגן קענען דיסקוטירט ווערן פון די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס ביז דער צייט, ווען עס ווערן אָנגענומען באַשלוסן דורך די קאָמפּעטענטע פּאַרטיי־אָרגאַנען. נאָכדעם ווי עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ באַשלוס דורך דעם קאָנגרעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַ־

ציאָנאַל, דורך דעם קאָנגרעס פון די סעקציעס אָדער דורך די אָנפירנדיקע קאָמיטעטן פונ'ם קאָמאינטערן און פון די פאַרשיידענע סעקציעס, מוזן די באַשלוסן דורכגעפירט ווערן אָן רעזערוואַציעס, אַפילו אויב אַ טייל פון דער פאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אָדער פון די לאָקאַלע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס שטימט דערמיט ניט איין.

אין אַ פאַל ווען די פאַרטיי איז אומלעגאַל, קענען די העכערע פאַרטיי־קאָמיטעטן באַשטימען די נידעריקערע און קאָאָפּטירן מיטגלידער אין זייערע אייגענע קאָמיטעטן, נאָר זיי דאַרפן שפּעטער באַשטעטיקט ווערן דורך די פּאַסיקע העכערע פאַרטיי־קאָמיטעטן.

6. אין אַלע ניט־פאַרטייאישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטער און פּויערים און אין זייערע אָנפירנדיקע קאָמיטעטן (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענע סאָלדאַטן, און אויך זייערע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן), אין שטאָט־פאַרוואַלטונגען און אין פּאַרלאַמענט, אַפילו ווען אין אַזוינע קערפּערשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַראַן נאָר צוויי פאַרטיי־מיטגלידער, מוזן אָרגאַנירט ווערן קאָמוניסטישע פראַקציעס מיטן ציל צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון דער פאַרטיי און דורכפירן איר פּאָליטיק אין די אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן.

7. די קאָמוניסטישע פראַקציעס זיינען אונטערגעוואָרפן די קאָמפּעטענטע פאַרטיי־קערפּערשאַפטן.

באַמערקונג: 1. קאָמוניסטישע פראַקציעס אין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס (רויטער אינטערנאַציאָנאַל פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו העלפן די קרבנות פון קלאַסן־קאַמף, אינטערנאַציאָנאַלע רויטע הילף געזעלשאַפט, א. א. וו.), זיינען אונטערגעוואָרפן דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

2. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון די קאָמוניסטישע פראַקציעס און דער שטייגער, ווי זייער אַרבעט זאָל אָנגעפירט ווערן, זיינען באַשטימט דורך ספּעציעלע אינסטרוקציעס פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געגעבענער סעקציע פון קאָמאינטערן.

II. וועלט־קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

8. די העכסטע קערפערשאַפט פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל איז דער וועלט־קאָנגרעס פון פארטרעטער פון אַלע פארטייען (סעקציעס) און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער וועלט־קאָנגרעס דיסקוטירט און באַשטימט די פּראָגראַם, די טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער טעטיגקייט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און פון זיינע פארשיידענע סעקציעס. די מאַכט צו ענדערן די פּראָ־גראַם און תקנות פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אויס־שליסלאַך אין די הענט פונם וועלט־קאָנגרעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער וועלט־קאָנגרעס דאַרף זיך פארזאַמלען אַלע צוויי יאָר. דער דאַטום פון קאָנגרעס און די צאָל פארטרעטער פון די פאר־שיידענע סעקציעס צום קאָנגרעס ווערן באַשטימט דורך דעם עקזע־קוטיוו קאָמיטעט פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די צאָל דעלעגאַטן מיט שטימרעכט, וואָס יעדער סעקציע זאָל האָבן ביים וועלט־קאָנגרעס, דאַרף באַשטימט ווערן דורך אַ ספּע־ציעלן באַשלוס פון קאָנגרעס אַליין, אין הסכם מיט דער צאָל מיטגלידער פון דער געגעבענער פארטיי און מיט דער פּאָליטישער וויכטיקייט פון דעם געגעבענעם לאַנד. די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס האָבן פרייע מאַנדאַטן; קיין אימפּעראַטיווע מאַנדאַטן ווערן ניט אָנערקענט.

9. אַ ספּעציעלער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל דאַרף פאררופן ווערן אויפן פארלאַנג פון פארטייען, וואָס האָבן אויפן לעצטן וועלט־קאָנגרעס געהאַט ניט ווייניקער ווי אַ העלפט פולבארעכטיקטע שטימען.

10. דער וועלט־קאָנגרעס דערוויילט דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (ע. ק. . אי.) און די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע (א. ק. ק.).

11. דער פּלאַץ, וואו עס זאָל זיך געפינען דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, ווערט באַשטימט דורך דעם וועלט־קאָנגרעס.

III. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע הילפס־קערפּערשאַפטן.

12. די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין דעם פּעריאָד צווישן די קאָנגרעסן איז דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס גיט אינסטרוקציעס צו אַלע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און קאָנטראָלירט זייער טעטיקייט.

דער ע. ק. ק. אי. גיט אַרויס דעם צענטראַלן אָרגאַן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין ניט ווייניקער ווי פיר שפּראַכן.

13. די באַשלוסן פון ע. ק. ק. אי. זיינען אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און מוזן ווערן פּינקטלאַך דורכגעפירט. די סעקציעס האָבן אַ רעכט צו אַפּעלירן קעגן די באַשלוסן פון ע. ק. ק. אי. צום וועלט־קאָנגרעס, נאָר דערווייל, איידער עס קומט די אַנטשיידונג פונם וועלט־קאָנגרעס, מוזן זיי דורכפירן די באַשלוסן.

14. די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פאַרשיידענע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך צו זייער אייגענעם פּאַרטיי־קאָנגרעס און צום ע. ק. ק. אי. דער לעצטער האָט דאָס רעכט צו אַנולירן אָדער אַמענדירן באַשלוסן פון פּאַרטיי־קאָנגרעס און פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פּאַרטייען און מאַכן באַשלוסן, וואָס זיינען פאַר זיי אָבליגאַטאָריש. (זע פּונקט 13.)

15. דער ע. ק. ק. אי. האָט דאָס רעכט אויסצושליסן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל גאַנצע סעקציעס, גרופּעס און איינצלנע מיטגלידער, וואָס זיינען עובר אויף דער פּראָגראַם און תקנות פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער אויף די באַשלוסן פונם וועלט־קאָנגרעס און פון דעם ע. ק. אי. אויסגעשלאָסענע פּערזאָנען און קערפּערשאַפטן האָבן אַ רעכט צו אַפּעלירן צום וועלט־קאָנגרעס.

16. די פראָגראַמען פון די פארשיידענע סעקציעס פון קאָמאָניסטישן אינטערנאַציאָנאַל דארפן האָבן די צושטימונג פון דעם ע. ק. ק. אי. אין פאל ווען דער ע. ק. ק. אי. זאָגט זיך אָפּ צוצושטימען צו א פראָגראַם, האָט די סעקציע דאָס רעכט צו אפעלירן צום וועלט־קאָנגרעס פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

17. די אָנפירנדיקע פרעסע־אָרגאַנען פון די פארשיידענע סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מוזן אָפּדרוקן אַלע באשלוסן און אָפיציעלע דאָקומענטן פון דעם ע. ק. ק. אי. די באַשלוסן דארפן, ווי ווייט מעגלאך, פארעפנטלאכט ווערן אויך אין די אנדערע אָרגאַנען פון דער פארטיי־פרעסע.

18. דער ע. ק. ק. אי. האָט א רעכט אָנצושליסן אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל ארגאַניזאַציעס און פארטייען, וואָס סימפּאַטיזירן מיטן קאָמוניזם. אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַראַטונגס־רעכט.

19. דער ע. ק. ק. אי. דערווײלט א פרעזידיום, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלאך צום ע. ק. ק. אי., וואָס האנדלט אלס די פערמאנענטע קערפּערשאפט און פירט אָן מיט אלע געשעפטן פון דעם ע. ק. ק. אי. אין דער צייט פון צווישן די זיצונגען פון דעם לעצטן.

20. דער ע. ק. ק. אי. און זיין פרעזידיום האָבן דאָס רעכט איינצושטעלן פערמאַנענטע ביוראָס (מערב־אייראָפּע, דרום־אַמעריקע, מזרחישע און אנדערע ביוראָס פון דעם ע. ק. ק. אי., מיטן צוועק איינצושטעלן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט די פארשיידענע סעקציעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און צו קענען בעסער אָנפירן מיט זייער ארבעט.

באַמערקונג: דער טעטיקייטס־אומפאַנג פון די פערמאַנענטע ביוראָס פון דעם ע. ק. ק. אי. ווערט באַשטימט דורך דעם ע. ק. ק. אי. אָדער זיין פרעזידיום. די סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיינען אין די גרענעצן פון דער טעטיקייט פון די פערמאַנענטע ביוראָס פון ע. ק. ק. אי. דאַרפן אינפאָרמירט ווערן וועגן דער מאַכט וואָס ווערט געגעבן די דאָזיקע ביוראָס.

21. די סעקציעס מוזן דורכפירן די אינסטרוקציעס פון די פערמאַנענטע ביוראָס פון ע. ק. ק. אי. די סעקציעס מעגן אפעלירן

קעגן די אינסטרוקציעס פון די פּערמאַנענטע ביוראָס צו דעם ע. ק. ק. אי. אָדער צו זיין פּרעזידיום, נאָר זיי מוזן דערווייל דורכפירן די אינסטרוקציעס בשעת זיי וואַרטען אויף אַ באַשלוס פון ע. ק. ק. אי. אָדער פון זיין פּרעזידיום.

22. דער ע. ק. ק. אי. און זיין פּרעזידיום האָבן דאָס רעכט צו שיקן זייערע פּאַרטרעטער צו די פּאַרשיידענע סעקציעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַזעלכע פאַרטרעטער קריגן זייערע אינסטרוקציעס פון דעם ע. ק. ק. אי. אָדער פון זיין פּרעזידיום און זיינען פּאַראַנטוואָרטלאַך צו זיי פאַר זייער טעטיקייט. פאַרטרעטער פון ע. ק. ק. אי. האָבן אַ רעכט זיך צו באַטייליקן אין די זיצונגען פון די צענטראַלע פּאַרטיי־קערפּערשאַפטן, פּונקט ווי אין די זיצונגען פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון די סעקציעס, וואוהין זיי זיינען געשיקט. פאַרטרעטער פון ע. ק. ק. אי. מוזן דורכפירן זייערע באַפולמעכטיקונגען אין ענגען קאָנטאַקט מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סעקציע, וואוהין זיי זיינען געשיקט. זיי מעגן אָבער ריידן קעגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער געגעבענער סעקציע אויף קאָנגרעסן און קאָנפערענצן פון דער סעקציע, אויב די ליניע פון דעם געגעבענעם צענטראַל־קאָמיטעט נויגט זיך אָפּ פון די אינסטרוקציעס פון דעם ע. ק. ק. אי. ספּעציעל איז עס די פליכט פון פאַרטרעטער פון ע. ק. ק. אי. אַכטונג צו געבן, אַז די באַשלוסן פון דעם וועלט־קאָנגרעס און פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל זאָלן דורכגעפירט ווערן.

דער ע. ק. ק. אי. און זיין פּרעזידיום האָבן אויך דאָס רעכט צו שיקן אינסטרוקטאָרס צו די פאַרשיידענע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַצינאַל. די מאַכט און די פליכטן פון די אינסטרוקטאָרס ווערן באַשטימט פון ע. ק . ק. אי., פאַר וועמען די אינסטרוקטאָרס זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זייער אַרבעט.

23. זיצונגען פון דעם ע. ק. ק. אי. דאַרפן פאָרקומען ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין זעקס חדשים. אַ קוואָרום באַשטייט פון ניט ווינציקער ווי אַ העלפט מיטגלידער פון ע. ק. ק. אי.

24. זיצונגען פון פרעזידיום פון ע. ק. ק. אי. דארפן פאר־שטייט פון ניט וויניקער ווי א העלפט מיטגלידער פון פרע־קומען ניט זעלטענער ווי איין מאָל א חודש. א קוואָרום באַ־זידיום.

25. דער פרעזידיום דערוויילט דעם פאָליטישן סעקרעטאַ־ריאַט, וואָס האָט די מאכט אָנצונעמען באשלוסן און וואָס גרייט אויך צו פראַגן פאר די זיצונגען פון דער ע. ק. ק. אי. און פון זיין פרעזידיום און דינט אלס זייער אויספיר־קערפערשאפט.

26. דער פרעזידיום באשטימט די רעדאקציעס פון די צייט־שריפטן און פון די אנדערע אויסגאבן פונם קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל.

27. דער פרעזידיום פון דעם ע. ק. ק. אי. אָרגאַניזירט א דעפּאַרטמענט פאר ארבעט צווישן ארבעטער־פרויען, פערמאַנענטע קאָמיטעטן אויף אָנצופירן די ארבעט פון באשטימטע גרופּעס אין די סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאַל (נאַציאָנאַלע סעקרעטאַריאַטן) און אנדערע דעפּאַרטמענטס וואָס זיינען נויטיק פאר זיין ארבעט.

IV. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע.

28. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע אונטערזוכט די ענינים, וואָס זיינען נוגע דער אייניגקייט פון די סעקציעס, וואס זיינען אָנגעשלאָסען אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און אויך ענינים, וואס זיינען פארבונדן מיט דער קאָמוניסטישער אויפפירונג פון איינצלנע מיטגלידער פון די פארשיידענע סעקציעס.

מיט דעם צוועק טוט די א. ק. ק. דאָס פאָלגנדיקע:

א) זי אונטערזוכט טענות קעגן די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישן פארטייען, וואָס ווערן אריינגעבראכט פון מיט־גלידער, אויף וועלכע מען האָט ארויפגעלייגט דיסציפּלינארע שטראָפן פאר פּאָליטישע מיינונגס־פארשיידנהייטן;

ב) זי אונטערזוכט ענלאכע ענינים בנוגע מיטגלידער פון צענטראַלע קערפּערשאפטן פון די קאָמוניסטישע פארטייען אָדער

בנוגע אינדיווידועלע פּאַרטיי־מיטגלידער, אויב זי געפינט דאָס פאַר נויטיק, אָדער אויב די ענינים ווערן אַריינגעבראַכט צו איר דורך באַשטימענדיקע קערפּערשאַפטן פון ע. ק. ק. אי.

ג) זי קאָנטראָלירט די חשבונות פונם קאָמוניסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אָדער אין אָר־גאַניזאַציאָנעלע אַדמיניסטראַטיווע קאָנפליקטן אין די קאָמוניס־טישע פּאַרטייען.

דער וואוין־אָרט פון דער א. ק. ק. ווערט באַשטימט פון דער א. ק. ק. מיט דער איינשטימיגקייט פון דעם ע. ק. ק. אי.

V. די באַציאונגען צווישן די סעקציעס פון דעם קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און דעם ע. ק. ק. אי.

29. די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די סעקציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די אָנגעשלאָסענע סימפּאַטיזירנדיקע אָרגאַנאַזאַציעס מוזן שיקן צו דעם ע. ק. ק. אי. פּראָטאָקאָלן פון זייערע זיצונגען און באַריכטן פון זייער אַרבעט.

30. רעזיגנאַציעס פון איינצלנע מיטגלידער אָדער פון גרופּעס מיטגלידער פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פאַרשיי־דענע סעקציעס ווערן באַטראַכט אַלס צעשטערעריש פאַר דער קאָ־מוניסטישער באַוועגונג. אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין דער פּאַרטיי געהערן ניט צו די, וואָס פאַרנעמען די פּאָסטנס, נאָר צו דעם קאָ־מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַ גאַנצן. מיטגלידער, וואָס זיינען דערוויילט צו צענטראַלע אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון פאַרשיידענע סעקציעס, מעגן רעזיגנירן פאַר דער צייט, פאַר וועל־כער זיי זיינען דערוויילט געוואָרן צו אַמט, נאָר מיט דער צושטי־מונג פון ע. ק. ק. אי. רעזיגנאַציעס, וואָס זיינען אָנגענומען גע־וואָרן דורך די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די סעקציעס אָן דער צושטימונג פון ע. ק. ק. אי. האָבן ניט קיין קראַפט.

31. די סעקציעס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דעם קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, מוזן אָנהאַלטן אָן ענגען אָרגאַניזאַציאָ־

נעלן און אינפאָרמאַטיוון קאָנטאַקט איינע מיט דער אַנדערער און אָרגאַנזשירן אַזוי, אַז קעגנזייטיקע פאַרטרעטער זאָלן זיין איינער ביים אַנדערן אויף די קאָנפערענצן און קאָנגרעסן, און מיט דער צושטימונג פון ע. ק. ק. אי. אויסטוישן אָנפירנדיקע חברים. דאָס איז שייך ספּעציעל די סעקציעס אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער און זייערע קאָלאָניעס און די סעקציעס פון לענדער, וואָס געפינען זיך בשכנות איינע צו דער אַנדערער.

32. צוויי אָדער מער סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיינען פּאָליטיש פאַראייניקט איינע מיט דער אַנדערער (ווי די סעקציעס אין די סקאַנדינאַווישע לענדער און אין די באַלקאַנען) צוליב דיזעלבע באַדינגונגען פון קאַמף, מעגן מיט דער צושטימונג פון דעם ע. ק. ק. אי. בילדן פעדעראַציעס מיט'ן ציל צו קאָאָרדינירן זייער טעטיגקייט. אַזעלכע פעדעראַציעס דאַרפן אַרבעטן אונטער דער אָנפירונג און קאָנטראָל פון דעם ע. ק. ק. אי.

33. די סעקציעס פון קאָמאינטערן מוזן רעגולער צאָלן אָנשלוס-אָפּצאָלן צום ע. ק. ק. אי.; די סומע פון אָפּצאָלן דאַרף באַשטימט ווערן דורך דעם ע. ק. ק. אי.

34. קאָנגרעסן פון די פאַרשיידענע סעקציעס, אָרדינאַרע און ספּעציעלע, קענען גערופן ווערן נאָר מיט דער צושטימונג פון דעם ע. ק. ק. אי.

אין פאַל ווען אַ סעקציע האַלט ניט אָפּ קיין פאַרטיי-קאָנגרעס איידער עס קומט זיך צונויף דער וועלט-קאָנגרעס, מוז די סעקציע, איידער זי דערוויילט דעלעגאַטן צום וועלט-קאָנגרעס, פאַררופן אַ פאַרטיי-קאָנפערענץ אָדער אַ פּלענום פון צענטראַל-קאָמיטעט מיטן צוועק צוצוגרייטן די פראַגן פאַרן וועלט-קאָנגרעס.

35. די אינטערנאַציאָנאַלע ליגע פון קאָמוניסטישער יוגנט (קאָמוניסטישער יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל) איז אַ סעקציע פון קאָ-מוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט פולע רעכט און איז אונטער-וואָרפן צום ע. ק. ק. אי.

36. די קאָמוניסטישע פאַרטייען מוזן זיין גרייט איבערצו-גיין אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. דער ע. ק. ק. אי. מוז העלפן

די געגעבענע פּאַרטייען אין זייערע צוגרייטונגען צום איבערגיין אין אומלעגאַלע באַדינגונגען.

37. איינצלנע מיטגלידער פון סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מעגן אריבערפאָרן פון איין לאַנד אין אנדערן נאָר מיט דער צושטאַמונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סעקציע, פון וועלכער זיי זיינען מיטגלידער.

די קאָמוניסטן וואָס פארלאָזן זייער וואוין־אָרט, מוזן זיך אָנשליסן אָן דער סעקציע פון דעם לאַנד פון זייער נייעם וואוין־אָרט. קאָמוניסטן וואָס פארלאָזן אַ לאַנד אָן דער צושטימונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון זייער סעקציע, טאָרן ניט אריינגענומען ווערן אין אנדערע סעקציעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.